STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03054

MENDELE MOYKHER SFORIM, 1836-1936

A. Rozentsvayg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ראָזנצווייג

מענדעלע מוכר ספרים

1836—1936



(שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש)

Copyright by the

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, INC.

80 Fifth Avenue, New York City

January, 1936

209

[די עסיי, בילדער און פאַקסימיליע, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, האָט געשטעלט אין
אונדזער רשות דער אוקראַצמינד-פאַרלאַג און דער אינסטיטוט פאַר אידישער פּראָלע-
טאַרישער קולטור פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין קיעוו.]

מענדעלע מוכר־ספרים (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

(1917—1836)

1

מענדעלע מוכר־ספרים (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1836 אינעם שטעטל קאַפּוליע, ווייסרוסלאַנד. לויט זיין אָפּשטאַמונג האָט ער געהערט צום פאַרמעגלעכן בירגערטום.

ווי אַלע באַלעבאַטישע קינדער אין יענע יאָרן, האָט דער קליינער שלומקע באַקומען אַ דערציאונג, וואָס האָט אים אָפּגעריסן פונעם אַרומיקן לעבן, פון דער ווירקלעכקייט און געהאַלטן אים אין אַ וועלט פון אַבערגלויבעריש־פאַנטאַסטישער ספרים־קולטור און לעבן־שטייגער.

אַף מענדעלעס קינדהייט זיינען אויך אויסגעפאַלן די סאַמע שווערסטע יאָרן פון דער צאַרישער דעספּאָטיע פון ניקאָליי דעם ערשטן, פון דער רעקרוטשינע און כאַפּעריי, כאָטש ער, אַלס אַ באַלעבאַטיש קינד, האָט דירעקט ניט געליטן דערפון. שפּעטער האָט ער דאָס געשילדערט אין „מסעות“ און אין „ווינטשפינגערל“.

צום סוף פון די 40־ער יאָרן האָט דאָס שטעטל קאַפּוליע איבערגעלעבט אַ קריזיס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די יאָרן, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן ברעכן די פעאָדאַלע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. דער קריזיס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויך אַף מענדעלעס עלטערן. די פאַמיליע איז פאַראָרעמט געוואָרן, מענדעלעס פאָטער איז פון האַרצווייטיק קראַנק געוואָרן, און אין עלטער פון עטלעכע און פערציק יאָר איז ער געשטאָרבן, איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט עטלעכע קינדער אָן שום לעבנס־מיטלען. פאַרן קליינעם שלום־יעקב האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע יאָרן פון וואָגל און פּיין. ער איז אַוועק אין דער פרעמד, געוואָרן אַ ישיבה־בחור, האָט פאַרזוכט דעם טעם פון שלאָפן אין בית־מדרש אַף אַ האַרטער באַנק און פון „עסן טעג“ בא באַלעבאַטים (עסן יעדן טאָג אין וואָך בא אַן אַנדער באַלעבאָס).

נאָך צוויי יאָר אַרומשלעפּן זיך איבער ישיבות, נאָך אַ לעבן אין שווערער אויסקומעניש האָט זיך דער 15־16־יאָריקער שלום אומגעקערט צוריק אין זיין שטעטל. זיין מוטער האָט שוין דאַן חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטן מאַן אינעם נאָענטן דאָרף מעלניקי. עלנט האָט זיך דער יונגער שלום אַרומגעבלאָנקעט אין זיין געבורט־שטאָט, פאַרוואָגלט, שטענדיק פאַרזאָרגט, דערשלאָגן און געפאַלן בא זיך. זיין שטיף־פאָטער האָט אים דעמאָלט גערופן צו זיך אין דערפל לערנען מיט זיינע קינדער. אין מעלניקי האָט ער זיך אָפּגע־

פרישט און דערמונטערט. די נאַטירלעכקייט פון דער נאַטור האָט אים דערהויבן. דער יונגער שלום־יעקב האָט דערפילט אין זיך דעם דיכטער. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, ווי געוויינלעך פאַר יענער צייט און פאַר זיין סביבה, אויף העברייאיש.

לאַנג איינזיצן אין דאָרף האָט שלום־יעקב אָבער שוין ניט געקענט. די תכלית־פראַגע האָט אים געטריבן צוריק אין שטעטל. דעמאָלט איז פאַרגעקומען אין זיין לעבן אַן אויסטערלישע פּאַסירונג. אין קאַפּוליע איז אין יענער צייט אָנגעקומען אַ דאָרטיקער איינוואוינער, אברהמל דער הינקענדיקער, נאָכדעם ווי ער האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט אין ווייטע ערטער. אברהמל דער הינקענדיקער האָט דערציילט וואונדערלעכע מעשיות וועגן וואָלין, וועגן דעם רייכן לעבן דאָרטן. אייניקע פון די קאַפּוליער איינוואוינער, וואָס זיינען



די שטוב אין קאַפּוליע, וואו מענדעלע מוכר ספרים איז געבוירן געוואָרן.
(פאַרצייכנט פונעם קינסטלער איזראַילסקי אין יאָר 1928.)

געווען דערשלאָגן פונעם קריזיס, האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אַהין, אינעם גליקלעכן וואָלינער קאַנט. אברהמל דער הינקענדיקער האָט איינגערעדט אויך שלום־יעקבס אַ מומע, וואָס איז געבליבן אַן עגונה מיט אַ קליין קינד, אַז זי זאָל זיך לאָזן מיט אים זוכן איר מאַן און מיטנעמען מיט זיך זאָל זי איר שוועסטערס געראָטענעם זון שלום־יעקבן, ווייל דאָרט וועט ער ווערן אַ מענטש. אברהמל דער הינקענדיקער איז געווען אַן אַפערִיסט, אַ שנאָרער; ער האָט עקספּלואַטירט די עגונה מיטן 17־יאָריקן שלום־יעקבן אַפן מיאוסטן אופן. צוזאַמען מיט אַ כאַלאַסטרע קבצנים האָט ער געוואַנדערט מיט שלום־יעקבן און מיט זיין מומען פון שטעטל צו שטעטל, קלייבנדיק אומעטום געלט

פאר אן ארעמער עגונה. שלום־יעקבן האט ער אין יעדן שטעטל געוואלט פארקנאסן, אבער שלום־יעקב האט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט. בא א האלב יאר האט געדויערט די שווידערלעכע רייזע מיט די קבצנים פון שטעטל צו שטעטל, פון הקדש צו הקדש, דורך ליטע און דעם גאנצן מערבדיקן קאנט פון רוסלאנד, איבער וואלין און פאדאליע. די מאדנע רייזע האט זיך געענדיקט לעבן קאמענעץ־פאדאלסק, וואו ש. י. אבראמאוויטש האט זיך צופעליק באגעגנט מיט זיינעם א חבר, און יענער האט אים באפרייט פון דעם הינקעדיקנס הענט.

אין קאמענעץ האט זיך דער יונגער אבראמאוויטש באקענט מיט דעם דיכטער אברהם־בער גאטלאבער, וועלכער האט דארטן געוואוינט. גאטלאבער האט ארויסגעפירט אבראמאוויטשן אפן וועג פון השכלה (אויפקלערונג); גאטלאבערס טאכטער האט אים געלערנט רוסיש, דייטש און מאטעמאטיק. אינעם יאר 1856 האט דער 20־יאריקער אבראמאוויטש אפגעגעבן עקזאמען אף לערער און איז באשטימט געווארן פאר א לערער אין דער קאמענעצער אידישער רעגירונג־שול. מיט א יאר שפעטער — אין 1857 — האט גאטלאבער אפגעדרוקט מענדעלעס ערשטע ליטעראַרישע ארבעט (אן זיין וויסן), „מכתב על דבר החינוך" (א בריוו וועגן דערציאונג) אין דער דעמאלטיקער העברייאישער צייטונג „המגיד". אבראמאוויטש איז, אזוי־ארום, געווארן א שרייבער.

„זינט איך בין פארבלאנדזשעט געווארן פון מיין שמיף־פאטערס הויז," — שרייבט מענדעלע צום סוף פון זיין אויטאביאגראפיע — „הייבט זיך אן א נייע קאפיטל אינעם בוך פון מיין לעבן, א קאפיטל פון וואגלעניש, נסיונות און גרויסע ליידן... דער ווינט האט מיך א טראג געטאן, האט מיך שטארק געטרייסלט און געטראגן אף די שטאפלען פון לעבן... ער האט מיך אראפגענידער אונטן, צו מיינע ליידנדיקע ברידער פון דער נידעריקסטער מדרגה, איך זאל מיט זיי לעבן א לעבן פון צער און פילן זייערע ווייטיקן, און פון זייער פיין האב איך באקומען א טאפלטע פארציע. צייטנווייז האט עס מיך ארויפגעבראכט גאר אין דער הויך פון לעבן און מיר געמאכט אן ארט צווישן אונזערע גבירים, די שטענדיק רואיקע און צופרידענע, די עלטסטע לייט פון די אידן, כדי צו זען זייערע פירעכצן און זייערע טועכצן, זייער האנדלען און וואנדלען — צו זען נאר און ניט הנאה צו האבן פון זייער גוטס."

אט די דאזיקע גלענצנדיקע זעלבסט־כאראקטעריסטיק פון מענדעלען העלפט פארשטיין די זיגזאגארטיקע טענדענצן פון זיין אידייאיש־געזעלשאפטלעכן וועג.

2

אינעם יאר 1858 האט מענדעלע חתונה געהאט אין בערדיטשעוו און האט זיך דארט באזעצט אף א לענגערער צייט.

אין פארבינדונג מיט דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם און מיטן

אויפקום פון נייע קאַפּיטאַליסטישע צענטערס — וואַרשע, קיעוו און אַדעס — האָבן אַזוינע שטעט, ווי בערדיטשעוו, אין די 60־ער יאָרן איבערגעלעבט אַן עקאָנאָמישע ירידה. אין די 60־ער יאָרן איז בערדיטשעוו נאָך אַלץ געווען אַ נעסט פון צדיקים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די שטאָט־גבירים שוידערלעך עקספּלואַטירט די ברייטע מאַסן אָרעמשאַפט און זיי געהאַלטן אין די לאַפּעס פון זייער עקאָנאָמישער און גייסטיקער הערשאַפט. צו יענער צייט האָט אין בערדיטשעוו שוין אויך עקזיסטירט אַן אויפגעקלערטע ליבעראַל־בורזשואַזע גרופּע — די „פּאָרשריט־פּאַרטיי" (ווי דער מעמואַריסט צעדערבוים רופט אָן די דאָזיקע גרופּע). די גרופּע איז אָבער געווען אַ קליינע אין צאָל און האָט געהאַט אַ קלענערן איינפלוס אויף די מאַסן, איידער די צדיקים מיט זייערע חסידים.

דער אויפגעקלערטער אַבראַמאָוויטש האָט זיך נאַטירלעך אָנגעשלאָסן אָן דער ליבעראַל־בורזשואַזער „פּאָרשריט־פּאַרטיי" סיי אין זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט און סיי אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אין בערדיטשעוו מיט גרויס ענערגיע.

אין 1860 האָט מענדעלע אָפּגעדרוקט זיין ערשט ביכל „משפט שלום" (דאָס האָט באַטייט סיי אַ גערעכטיקער משפט, סיי שלומס משפט — אויפן נאָמען פון אויטאָר) — אַ שאַרפע קריטיק אויף דער ראָמאַנטיש בטלנישער העברייאישער פּאָעזיע.

באַזונדערס שאַרף האָט מענדעלע פאָרמולירט זיינע ליטעראַרישע אָנ־שויאונגען אין אַ צווייט ביכל זיינעם מיטן נאָמען „עין משפט" („אַ קריטישער קוק", 1881, פריער געדרוקט אין „המליץ", 1865־1866). וועגן דער העבריי־אישער ליטעראַטור פון זיין צייט האָט אַבראַמאָוויטש געשריבן: „דאָס לעבן פון אונדזער איצטיקער ליטעראַטור איז קיין לעבן ניט. דער גייסט פון דער לעבעדיקער צייט דרינגט זי ניט דורך... מיט וואָס זאָל זי צוציען דאָס האַרץ פונעם פאָלק? מיט איר מליצה, מיט איר לשון?... יעדע ליטעראַטור, וואָס גייט אַרויס פון די קוואַלן פונעם לעבן און פון זיינע פּאַסירונגען, קערט זיך אום דערנאָך צוריק צו ווירקן אויף דעם לעבן; זייענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט זי דערנאָכדעם אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר... אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט צום פאָלק און זיינע נויטן און ווערט פון אים ניט באַווירקט, קען אויך ניט זיין קיין ווירקנדיקער פאַקטאָר. דאָס פאָלק האָט מיט איר ניט קיין געשעפטן, און זי איז בלויז איבעריק אויף דער לעבעדיקער ערד."

„כ'האָב געוואָלט" — האָט שפּעטער געשריבן מענדעלע אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע — „אַז די שרייבער זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק, צו אַלץ, וואָס עס טוט זיך בא אים אין שטוב און אין קהל און דאָס אַלץ אים באַווייזן, זיי זאָלן אויסבעסערן זיין געשמאַק מיט אַ ריינער, שיינער און לאָגישער שפּראַך, זיי זאָלן אים אויך געבן גוטע און קלוגע לעקציעס, כדי אים צו מאַכן פאַרשטאַנדיק."

דאָס אַלץ דערמאָנט אָן ענלעכע געדאַנקען, וואָס עס האָט אַרויסגעזאָגט אין דער זעלביקער צייט דער ניהיליסט און אָנהענגער פון פּיסאַרעוון, אוריה־צבי קאָוונער. דערפון איז צו זען, אַז די ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע אידייען פון די 60־ער יאָרן האָבן, אָן ספק, געהאַט אַ ווירקונג אויף מענדעלען. מענדעלע האָט אָבער ניט געקענט נאָכפאָלגן די דאָזיקע געדאַנקען ביז זייער לאָגישן סוף. ער האָט געמאַכט איין טריט פאָרויס (נעענטער צום קאָוונערן) און אַ טריט אויף צוריק, דערנענטערנדיק זיך צום ליבעראַל־בורזשואַזן אויפקלערער צעדערבוים.

אַבראַמאָוויטשעס פּאָליטישע באַגרענעצטקייט איז צו זען אויך אין דער פּאָזיטיווער פּראָגראַם, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט אין דעם זעלביקן „עין משפּט". פאַר די אידישע שולן האָט אַבראַמאָוויטש געשטעלט אַן אויפגאַבע: „דערציען די יוגנט אין רעליגיעזן גייסט און לערנען זיי וועלטלעכע קענטענישן". „דאָס ווײַכטיקסטע פאַר דער מדינה איז די מורא פאַר גאָט." מיר האָבן דאָ דעם באַוואוסטן „סינטעז" פון „תורה, חכמה און מאָנאַרכיזם", וואָס איז פאַראַן באַם ליבעראַל־בורזשואַזן משכיל צעדערבוימען. דעם דאָזיקן „סינטעז" האָט מענדעלע דורכגעפירט אויך אין זיין „תולדות הטבע" (נאַטור־געשיכטע, אין 3 בענדער), וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אין די 60־ער יאָרן.

דאָס וואַקלען זיך צווישן דעם ליבעראַלן בורזשואַ צעדערבוים און דעם ראַדיקאַלן ראַזנאָטשינעץ קאָוונער, וואָס כאַראַקטעריזירט מענדעלעס פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען פון די 60־ער יאָרן, לאָזט זיך פילן אויך אין זיין קינסטלערישער שאַפונג פון די זעלביקע יאָרן.

זיין קינסטלעריש שאַפן האָט מענדעלע אָנגעהויבן אין העברייאיש מיט אַ ראָמאַן „למדו היטב" (לערנט זיך גוט, 1862), וועלכן ער האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזט אין אַ געענדערטער און פאַרגרעסערטער פאָרם מיטן נאָמען „האב והבנים" (עלטערן און קינדער, 1868).

אינעם דאָזיקן ראָמאַן האָט מענדעלע געוואָלט פאַרקערפּערן אין קינסטלערישע געשטאַלטן די משכילישע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין „עין משפּט". דער אינהאַלט פונעם ראָמאַן איז אַזאַ: דער גלופּסקער גביר אפרים, אַ מוראַדיקער חסידיש־פאַנאַטישער טיפּ, אַ הייסער חסיד פונעם קאַזעוועער רבין (כזב באַטייט ליגן), דערציט זיינע קינדער שמעון און רחל אין דער זעלביקער ריכטונג. אַ דאַנק די משכילים, וואָס זיינען פאַראַן אין גלופּסק, דרינגט אַריין די השכלה אין אפרימס שטוב. דער משכיל דוד פירט אַ ליבע מיט אפרימס טאָכטער רחל. שמעון אַנטלויפט פונעם פאָטערס שטוב און פאַלט אַריין צו אַ באַנדע רויבער. דער באַנדע־אָנפירער אריה איז ניט קיין געוויינלעכער רויבער. ער האָט זיך גוואַלדיק אָנגעליטן פון די פינצטערע כחות פונעם אידישן מיטלאַלטער, האָט באַשלאָסן צו נעמען נקמה פון זיינע באַטריבער און צוליב דעם געגרינדעט די באַנדע. די באַנדע שטעלט פאַר זיך אַלס אויפגאַבע ראַבעווען בלויז די צבועקעס, וואָס זאַמלען אָן רייכקייט

דורך אומרעכט, אַראָפּרייסן פֿון זיי די מאַסקע, זיי זאָלן ניט קענען טאָן קיין שלעכטס, און אויף די אָנגעראַבעוועטע מיטלען אויסהאַלטן פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער, שיקן זיי אין די שולן „לערנען תּורה און מלאכה". מיטן אָנטייל פֿונעם קאָזעווער צדיק ווערט אפֿרים באַרויבט דורך זיין אייגענעם אָגענט. די רויבער־באַנדע העלפֿט אפֿרימס טאָכטער זיך צונויפֿגיין מיט איר געליבטן דודן. אפֿרים אַנטוישט זיך אינעם צדיק. אריה דער רויבער לעבט איבער געוויסן־פּיין און שטאַרבט מיט דער האָפֿענונג, אַז דער נייער דור וועט שוין ניט דאַרפֿן פֿירן אַזאַ לעבן, ווי ער.

פֿונעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט האָט דער ראָמאַן אַ קנאַפּן ווערט (די איינציקע לעבעדיקע געשטאַלט אין אים איז אפֿרימס ווייב). די קאָמ־פּאָזיציע איז אָן זאַוואַנטוריסטישע, די שפּראַך אַ ביבליש־מליצהדיקע. דער ראָמאַן איז אַ מוסטער — אַ פֿאַרקערטער פֿון יענע ליטעראַריש־רעאַליסטישע אויפֿגאַבעס, וועגן וועלכע עס רעדט אַבראַמאָוויטש אין „עין משפּט", און וואָס די צענטראַלע פֿיגור פֿונעם ראָמאַן, דוד, רעדט וועגן זיי כּסדר אינעם ראָמאַן גופֿא. דער ראָמאַן האָט אָבער אַ ווערט דערמיט, וואָס ער אַנטפּלעקט אונדז בולט דאָס אידעאָלאָגישע פּנים פֿון מענדעלען אין די 60־ער יאָרן. דוד איז אַ פֿאָרשטייער פֿון יענע טיילן פֿון דער קליינבירגערלעכער אינ־טעליגענץ, וואָס האָבן זיך אין די 60־ער יאָרן אָריענטירט אויף דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און האָבן אָריענטירט אויף איר אויך די מאַסן.

אין דער דוד־געשטאַלט האָט מענדעלע אַנטפּלעקט זיין אָנמעכטיקייט, די אָנמעכטיקייט פֿון זיין סאָציאַלער גרופּע. די דאָזיקע אָנמעכטיקייט האָט אויך באַדינגט די ראָמאַנטיש־אַוואַנטוריסטישע קאָמפּאָזיציע פֿונעם ראָמאַן. פֿונדאַנען נעמט זיך אויך די ראָמאַנטישע אידעאַליזאַציע פֿונעם פֿאַרעלטערטן שטייגער (די אידעאַליסטיש־ראָמאַנטישע בילדער פֿון שבת און יום־טוב); דערפֿון אויך די וואַקלעניש צווישן ראָמאַנטיזם און רעאַליזם.

אינעם ראָמאַן איז מענדעלע, אָן ספֿק, געווען באַווירקט פֿון די אייראָ־פּייאישע רויבער־ראָמאַנען און דראַמעס, וואָס זיינען אויפֿגעקומען באַ אַנאַ־לאָגישע סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען, באַזונדערס פֿון שילערס „רויבער". ענלעך ווי באַ שילערן, ענדיקט אויך באַ מענדעלען דער רויבער־אָנפֿירער מיט חרטה און געוויסן־פּיין. מענדעלע האָט אָבער ניט דערהויבן דודן צו אַ סאָציאַל־קעמפֿערישער געשטאַלט, ווי דאָס איז קאַרל מאָר באַ שילערן.

מענדעלע האָט זיך געריסן פֿון די ראָמאַנטישע פּענטעס פֿון דער העברייִ־אישער ליטעראַטור. אַרויסגעריסן האָט ער זיך פֿון זיי, ווען ער האָט פֿאַר זיין בורזשואַז־משׂכּילישער פּראָגראַם אָנגעהויבן צו זוכן אַ שטיצפּונקט אין די מאַסן. דעמאָלט האָט ער דערפֿילט אין זיך מער קראַפֿט און זיכערקייט.

3

דאָס יאָר 1864 איז אַ וויכטיקע דאַטע אין מענדעלעס שאַפֿונג־געשיכטע. אין אָט דעם יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע אידישע דערציילונג „דאָס

קליינע מענטשעלע, אָדער די לעבן־באַשרייבונג פון יצחק־אברהם תקיף״, אונטערן אויטאָר־פּסעוודאָנים אי״ש (אָנפאַנג־בוכשטאַבן פון שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש).

מענדעלעס אַריבערגאַנג צו אידיש איז, אָן ספק, געווען אַ לאָגישער אויספיר פון זיין גאַנצן געדאַנקענגאַנג אין די 60־ער יאָרן. וועגן דעם ווידערשפּרוך צווישן די נויטן פון די פאָלקס־מאַסן און דער העברייאישער שפּראַך פון דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור, וואָס די מאַסן פאַרשטייען ניט, האָט מענדעלע שפּעטער געשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „... די מערהייט אָבער פאַרשטייט דאָך ניט די דאָזיקע שפּראַך, איז וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער מי, אויב זי ברענגט ניט קיין נוצן?... די ליבשאַפט צום נוצלעכן האָט אין מיר גובר געווען... אויך אייניקע פון מיינע גוטע פריינט (געמיינט אויך דעם באַוואוסטן פובליציסט און פילאָלאָג י. מ. ליפשיץ, וואָס האָט געלעבט אין בערדיטשעוו און האָט געהאַט אַף מענדעלען אַ גרויסן איינפלוס) זיינען צו מיר צוגעשטאַנען, און צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן צו ווירקן אַפן רעדאַקטאָר פון 'המליץ', ער זאָל אַרויסגעבן אַ צייטונג אַף דער שפּראַך פונעם פאָלק — דעם 'קול־מבשר', און איך בין געוואָרן באַגייסטערט און אָנגעשריבן מיין ערשטע דערציילונג 'דאָס קליינע מענטשעלע'.״

אין דעם דאָזיקן באַשלוס מענדעלעס זעען מיר אַן אויסדרוק פון דער אויפגעקלערטער בורזשואזיע און פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס איז מיט איר נעגאַנגען, צו באַווירקן די מאַסן אינעם גייסט פון זייער אידעאָלאָגיע.

אינעם דאָזיקן אַריבערגאַנג האָט, נאַטירלעך, געשפּילט אַ געוויסע ראָלע די קלאָגעדיקע לאַגע פונעם העברייאישן שרייבער אין די 60־ער יאָרן, מענדעלעס פּערזענלעכע שלעכטע מאַטעריעלע לאַגע און דער מאַטעריעלער און מאָראַלישער דערפאָלג פון „קול־מבשר״. דער וויכטיקסטער און דאָמינירנדיקער פאַקטאָר איז אָבער געווען דאָס שטרעבן צו באַווירקן די מאַסן, צו געפינען אין זיי אַ שטיצפּונקט אין קאַמף קעגן די פעאָדאַלע רעשטן אין דער אידישער סביבה. דאָס האָט געבראַכט צו אַ באַשטימטער ענדערונג אויך אינעם תוך פון אַבראַמאָוויטשעס שאַפן.

אין „דאָס קליינע מענטשעלע״ האָט מענדעלע פונדאַסניי איבערגעאַרבעט זיין רויבער־טעמע פון „למדו היטב״, אָבער שוין אַף אַן אויסגעשפּראָכן־רעאַליסטישן אופן. דער אינהאַלט פון „דאָס קליינע מענטשעלע״ (ערשטער וואַריאַנט, געדרוקט אין „קול־מבשר״, 1864־1865) איז אין קורצן אַזאַ: יצחק־אברהם, אַ דערשלאָגענער יתום, אַן אָרעמאַנס אַ קינד, אַ גוטער שילער אין תלמוד־תורה, „איז איטלעכן גרויס אין די אויגן״, כאַפּט פון יעדן קלעפּ און ליידט יסורים און פּיין. ער אַנטלויפט פון תלמוד־תורה, וואַנדערט פון איין בעל־מלאכה צום צווייטן. אָבער אומעטום פּייניקט מען אים, מע גיט אים ניט קיין עסן, די מלאכה לערנט מען אים ניט, מע צווינגט אים צו טאָן אַלע אַרבעטן אין שטוב. ער קומט אָן צו אַ וואַנדערנדיקן חזן פאַר אַ זינגערל.

אויך דאָ גייט אים שלים איבער זיין אָרנטלעכקייט. ער קומט ווייטער אָן פאַר אַ שיק־אינגל צו גוטמאַנען דעם משכיל. באַם משכיל הערט ער אונטער אַ שמועס וועגן דעם דאָקטאָר שטיינהאַרץ און איסר וואַרגער, אַז זיי זיינען „קליינע מענטשעלעך" און דעריבער רייך. ער באַשליסט איבערצוגיין צו שטיינהאַרצן, כדי זיך אויסלערנען די מלאכה פון „קליינע מענטשעלעך". באַ שטיינהאַרצן דערוויסט ער זיך וועגן די שווינדלערישע מאַכינאַציעס פונעם דאָקטאָר מיטן רופא. „אומעטום עגאָאיזם, שטיינהאַרציקייט, בלוט־צאַפּעניש". די אמתע תורה פון קליינמענטשלדיקייט" לערנט ער זיך אוים ערשט באַ איסר וואַרגערן, איינעם פון די גרעסטע באַלעבאַטים און צבועטשיק, וואָס „אַלע האָבן פאַר אים געהאַט דאָס נייניאַריקע". וואַרגערס פילאָזאָפיע, וואָס ווערט שפּעטער אויך די פילאָזאָפיע פון יצחק־אברהמס טעטיקייט, איז: „מיט אַרבעט וועסטו קיין סך ניט פאַרדינען... חכמה טויג כלל ניט, כיטרע נאָר דאַרף מען זיין. מע דאַרף קענען חנפהנען, אַמאָל זאָגן ליגן, אַמאָל צבועטשען, האָסטו געלט — האָסטו די וועלט. אָבער האָבן מיט דער צייט געלט הייסט — זיין אַ „קליין מענטשעלע". יצחק־אברהם ווערט אַליין אַ „קליין מענטשעלע". ער פאַרט אַריבער קיין גלופּסק, וואו ער ווערט אַ „וואַרגער", אָבער נאָך אין אַ גרעסערן פאַרנעם. ער ווערט יצחק־אברהם תקיף און פירט אַ טעטיקייט פון גזילה און רויב. ערשט אַף דער עלטער דערוואַכט אין אים זיין געוויסן, זיין נאַטירלעכע גוטסקייט, וואָס איז דערשלאָגן געוואָרן. ער האָט חרטה אַף זיינע טאַטן און לאָזט אַ צוואה, אַז דער רב צוזאַמען מיט גוטמאַנען זאָלן רעפאָרמירן די תלמוד־תורה און מאַכן אַ שול פאַר בעל־מלאכות — אַלץ פאַר זיין געלט. אין זיין ווידוי דעקט ער אויף די אומרעכטן, וואָס עס טוען אָפּ די אידישע גבירים, ווי זיי באַראַבעווען יתומים און אלמנות, ווי זיי זויגן אוים דאָס בלוט פונעם פאָלק דורך דער טאַקסע א. אז. וו.

מענדעלעס אַריבערגאַנג צו אידיש איז, אַזוי־אַרום, גלייכצייטיק געווען אַ גרינטלעכער קער צו רעאַליזם. דער „רויבער" יצחק־אברהם תקיף איז ניט קיין ראָמאַנטישע פיגור, נאָר אַ טיפּישער קהל־מאַן, וועלכער טוט דאָס זעלביקע, וואָס עס האָבן געטאָן אַלע תקיפים אין יענער צייט. מענדעלע דעמאַסקירט די פּאַראַזיטיש־נגידישע שיכט אין די אונטערגאַנג־יאָרן פונעם פעאָדאַליזם.

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, וואָס אין „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט מענדעלע געמאַכט די ערשטע טריט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די פאַראָרעמטע מאַסן. מענדעלע האָט דער ערשטער אין דער אידישער ליטעראַטור געשילדערט בילדער פון עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע, פונעם לערן־אינגל, פונעם דינער. די „קליינמענטשלדיקייט" איז באַ מענדעלען אַ סינטעטישע אידייע, אַ סיסטעם פון לעבן־באַציאונגען, וואָס איז געבויט אַף עקספּלואַטאַציע און צביעות, אַף חניפה און עגאָאיזם. די דאָזיקע סיסטעם ווייזט זיך אַרוים באַ אַלע באַלעבאַטישע פּערסאָנאַזשן פונעם ווערק, אָנגעהויבן פון לייזער דעם שניידער־מייסטער ביז צו איסר וואַרגער, יצחק־אברהם תקיף.

אַלזאָ, שוין מיטן ערשטן ווערק זיינעם אין אידיש האָט מענדעלע אַריינ־געטראָגן אַ היפּשן דעמאָקראַטישן ניואַנס אין דעם בורזשואַזן משכּיליזם. אָבער אויך דאָ מאַכט מענדעלע איין טריט פאָרויס און באַלד אַ טריט אָפּ צוריק. דער פּאָזיטיווער אידעאַל מענדעלעס איז נאָך אַלץ דאָס פאַראייניקן תּורה מיט השכּלה. די „קליינמענטשלדיקייט"־פּראָבלעם, וואָס מענדעלע באַ־ווייזט ווי אַ ברייטע סאָציאַלע דערשיינונג, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע קרענק, וויל ער היילן דורך דער פאַראייניקונג פונעם רב מיטן משׂכּיל, דורך אַפּעלירן צום יושר־געפיל פון די רייכע, דורך אויפקלערערישער גבירישער צדקה, דורך אָרגאַניזירן האַנטווערקער־שולן, וואו מע זאָל דערציען די אָרעמע קינדער אין גייסט פון תּורה און חכמה.

„אידישע קלעזמער"
(בילד פון קינסטלער פּעפּערמאַן).

„דאָס קליינע מענטשעלע" איז געבויט אויטאָביאָגראַפיש, עפּיזאָדיש און אָנפּאַבלדיק. עס הייבט זיך אָן מיט אַ ראָם־נאָוועלע (אַ נאָוועלע, וואָס דינט אַלס ראַם פאַר אַריינגעשטעלטע עפּיזאָדן און דערציילונגען).

אין דער דאָזיקער ראָם־נאָוועלע האָט אַבראַמאָוויטש צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט זיין ליטעראַרישן פּערסאָנאַזש מענדעלע מוכר־ספרים (דער ספרים־הענדלער, דער פאַקנטרעגער), וואָס פאָרט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך און וואָס שטעלט כּלומרשט צו דעם אויטאָר אַבראַמאָוויטשן אַלע מעשׂיות צום דרוקן. אין דער ראָם־נאָוועלע דערציילט מענדעלע מוכר־ספרים,

ווי ער קומט אָן קיין גלופּסק אַפֿן שול־הויף און הערט וועגן דעם תקיפֿס טויט. באַלד רופֿט אים דער שמש אַריין צום רב, באַ וועמען עס זיצן שוין פֿאַרזאַמלט אַלע נגידים, און מע הייבט אָן פֿאַרצולייענען דעם תקיפֿס צוואה. מענדעלע לאָזט שוין רעדן די צוואה, ד. ה., יצחק־אַברהמען, וואָס דערציילט זיין לעבן־געשיכטע „פֿון געבוירן ביז פֿאַרלוירן". דאָס ווערק פֿאַרענדיקט זיך ווידער מיט דער ראַם־נאָוועלע. נאָכן לייענען זיינען די נגידים אין כעס: אין דער פֿיגור פֿונעם תקיף דערזעען זיי זיך זעלבסט. דער רב פֿרעגט זיך נאָך באַ מענדעלען אַף גוטמאַנען דעם משכיל, מענדעלע פֿאַרענדיקט זיין דערציילונג מיט אַ מודעה (מעלדונג), אַז דער משכיל גוטמאַן זאָל וואָס גיכער קומען קיין צבועטשיץ, כדי צוזאַמען מיטן רב אויספֿירן די צוואה.

די פֿונקציע פֿון דער ראַם־נאָוועלע איז אַ קלאָרע: מענדעלע האָט אין איר אַריינגעפֿירט דעם אַדרעסאַט, וואָס צו אים איז געווענדט די צוואה — נגידים. די דעמאַסקירנדיקע אויפֿגאַבע פֿון דעם דאָזיקן קאָמפּאָזיציע־מיטל ווערט נאָך בולטער אינעם וואַריאַנט פֿון די 70־ער יאָרן, וואו די ראַם־נאָוועלע ווערט פֿאַרברייטערט. עס ווערט איבערגעריסן דאָס לייענען און אַריינגעפֿירט אַ ריי כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן און געשפּרעכן (בוני דעם וואַסערטרעגערס סאַטירישער מאָנאָלאָג וועגן יצחק־אַברהמס טויט, דאָס קלאָגן זיך פֿון אַ פֿרוי אַף איר מאַן, וואָס לויפֿט צום רבין, לאָזנדיק זיין פֿרוי אַף צרות, **די אויפֿ־**רודערנדיקע געשפּרעכן צווישן די נגידים). דאָס דאָזיקע קאָמפּאָזיציע־מיטל האָט מענדעלע געברויכט אויך אין „פֿישקע דער קרומער".

שוין אין „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט מענדעלע אַרויסגעוויזן באַ־דייטנדיקע סימנים פֿון זיין גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט. שוין דאָ האָבן מיר די שפּראָצונגען פֿון מענדעלעס שפּעטערדיקע אופֿנים פֿון שילדערן מענטשן, פֿון אויפֿדעקן זייער סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע, פֿון דעמאַסקירן די אָנשטעלן, די הינטנאַרומיקע „דריידלעך" און „קנייטשן" פֿונעם אידישן מיטלבירגער און קהל־טוער (וואַרגער מאַכט אָן אָנשטעל פֿון אַ בעל־טובה, לייזער — פֿון אַ גרויסן קוואַליפֿיצירטן שניידער א. אז. וו.). מענדעלע באַווייזט מוסטערהאַפֿטיק זייערע ווירקלעכע מעשים, ער גיט איבער דעם אופֿן פֿון זייער ריידן, דיפֿערענצירנדיק די שפּראַך פֿון יעדן איינצלנעם.

„דאָס קליינע מענטשעלע" איז אויסגעשפּראָכן סאַטיריש, דעמאַסקירנדיק אויסלאַכעריש און אָפּשפּעטעריש. אָנשטאָט די ביבליש־ראָמאַנטישע נעמען פֿון „האבות והבנים" קומען די העזהדיק־דעמאַסקירנדיקע נעמען: שטיינ־האַרץ, וואַרגער, תקיף; נעמען פֿון שטעט: צבועטשיץ, גלופּסק (גלופּסק — באַטייט בערדיטשעוו, געגומען, ווייזט אויס, פֿון שטשעדרינס „גלופּאָוואָ").

אין יאָר 1866 האָט מענדעלע מוכר־ספֿרים (נאָך אַלץ אונטערן פּסעוו־דאָנים „אי"ש") אָפּגעדרוקט אַ קליינע דערציילונג מיטן נאָמען „דאָס ווינטש־פֿינגערל, וואָס מיט דעם קען איטלעכער מענטש דערגרייכן אַלץ, וואָס זיין האַרץ ווינטשט און באַגערט און קען דורך דעם נוצלעך זיין זיך און דער וועלט" (אויסגאַבע פֿון 1866, 44 ז.). „דאָס ווינטשפֿינגערל" האָט מענדעלע

אָנגעשריבן לויטן מוסטער פון „דאָס קליינע מענטשעלע". אינעם ערשטן טייל „אַ מעשה איבער אַ מעשה" דערציילט מענדעלע, ווי פאַרנדיק מיט זיין ביידל סחורה פון קאַפּצאַנסק קיין גלופּסק, איז ער אַפן וועג אַנדרעמלט געוואָרן, און זיין ביידל האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַן אַנדער ביידל, וואָס איז אָנגעפאָרן אַנטקעגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אָנגעפאָרענע ביידל געהערט צו אַ צווייטן מוכר־ספרים, סענדערל. סענדערל פאַרהאַנדלט מענדעלען אַ מעשה, געשריבן אין דייטש, און מענדעלע פירט אַוועק די מעשה קיין גלופּסק, כדי איבערצוגעבן אַ משכיל צום איבערזעצן. אינעם צווייטן טייל קומט שוין די כלומרשטע איבערזעצונג פון דער דייטשישער מעשה („די מעשה גופא"). אין דער מעשה דערציילט דער משכיל הירש ראָטמאַן זיין לעבן־געשיכטע. אין קאַפּצאַנסק, ניט ווייט פון גלופּסק, איז פאַראַן בלויז איין נגיד, ר' אידל קאַפּצאַנסקער, „אַ פיינע בריאה" (וואָס טוט כלומרשט טובות דעם קהל און אין דער אמתן באַראַבעוועט ער דאָס שטעטל). די איבעריקע איינוואוינער זיינען אַלע קבצנים. לעבנדיק אין נויט, טרייסטן זיך די קאַפּצאַנסקער מיט וואונדער־מעשיות וועגן גבירים, צדיקים, ווינטשפינגערלעך, וואָס מע קען באַ זיי בעטן פון אַלדאָס גוטס א. אַז. וו. הערשעלע, אַ קינד פון אַ קאַפּצאַנסקער איינוואוינער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ שרעקלעך אָרעמער חסידיש־בטלנישער סביבה, איז אַרומגעגאַנגען פאַרטרוימט און געזוכט דאָס ווינטשפינגערל. שפּעטער ווערט ער אַ ישיבה־בחור אין גלופּסק, שטודירט קבלה, כדי צו דערגיין די קונסט פון פאַרוואַנדלען זיך אין אַ „רואה ואינו נראה" (ער זעט אַלעמען, און אים זעט קיינער ניט). הערשעלע טרעפט זיך מיט אַ ליטוואַק אַ משכיל, וואָס האָט אים באַוויזן דאָס אמתע ווינטשפינגערל — בילדונג, אויפקלערונג. דער משכיל לערנט מיט אים דייטש, נעמט אים מיט קיין לייפּציג און גיט אים אַריין אין אוניווערזיטעט. הערשעלע איז געוואָרן דער געבילדעטער הירש ראָטמאַן. ער האָט אָנגעשריבן זיין לעבן־געשיכטע, כדי צו ראַטעווען אויך אַנדערע פון ווינטשפינגערל־חלומות, און האָט אויך פאָרגענומען צו „באַשרייבן פראָסט אין אַ גרינגער שפּראַך אַלע חכמות און וויסנשאַפטן", וואָס דורך זיי קען מען דערגרייכן צום נאַטירלעכן ווינטשפינגערל.

„דאָס ווינטשפינגערל" פונעם יאָר 1866 ענדיקט זיך מיט אַ קאַפּיטל „זיד (זשיד) דאַוויי גראָשי" (איד, גיב געלט!). מענדעלע, הייסט עס, ווענדעט זיך צו די אידן, זיי זאָלן אַריינשיקן געלט אויף צו דרוקן די פאָרזעצונג פון דער איבערזעצונג, וואו עס זיינען באַשריבן אַלע וויסנשאַפטן.

צי האָט מענדעלע געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אויף אידיש אַ בוך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, ווי ער האָט עס געטאָן אויף העברייאיש? דאָס איז שווער צו דערגיין. וויכטיק איז פעסטצושטעלן, אַז מענדעלע איז אין דער צייט נאָך געווען פאַרשיכורט פון די משכילישע אילוזיעס וועגן בילדונג־ווינטשפינגערל אַלס רפואה צו אַלע צרות. די פּראָבלעם פון באַדנלאָזיקייט פון דער קאַפּצאַנסקער באַפעלקערונג, פון אונטערגעדריקטקייט אין די לאַפּעס

פונעם צאריזם, פריץ, גביר, צדיק און קהל האָט מענדעלע אין יענער צייט געוואָלט לייזן מיט דער הילף פון אַ בוך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט. דאָס איז אויך געווען אַ מין... ווינטשפינגערל.

די ווינטשפינגערל־אידעאָלאָגיע וואַקסט אויס, לויט מענדעלען, אַפּן עקאָנאָמישן באָדן פון קאַפּיטאַליזם. אויך גלופּסק איז פאַר דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע אַ פּרוכטבאַרע סביבה. ווי־זשע זאָל מען ענדערן די סביבה? אַף דעם ענטפערט מענדעלע: בילדונג, וויסנשאַפט. אַז אין דער סביבה וואַקסן אויס נייע קלאַסן־כּחות, וואָס מוזן פירן אַ קאַמף כּדי צו ענדערן די דאָזיקע סביבה, אויסנוצנדיק טאַקע די וויסנשאַפט אַלס געווער אין רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף, צו דעם האָט מענדעלען זיין בורזשואזע באַגרענעצטקייט ניט דערלאָזט.

אין 1869 האָט מענדעלע אָפּגעדרוקט אַ צווייטע קליינע דערציילונג (44 זייטן) מיטן נאָמען „פישקע דער קרומער, אַ מעשה פון אידישע אָרעמעלייט, געדרוקט בהשתדלות מענדעלע מוכר־ספרים". אין „פישקע דער קרומער" איז שוין ניטאָ מער מענדעלעס אויטאָר־פּסעוודאָנים אי"ש. דער געבוי פון „פישקע" איז אויך אַ מעשה אין אַ מעשה. אינעם דאָזיקן ווערק גייט דורך אַ גאַנצע גאַלעריי פּערזאָנען פון דער סאַמע אָפּגעשטאַנענער, פּאַרקריפּלטער, צעטראָטענער אָרעמשאַפט, וועלכע זיינען געשילדערט מיט אַ קאָלאָסאַלער קינסטלעריש־רעאַליסטישער קראַפט. אין דער דאָזיקער דערציילונג גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם די אַנטי־גבירישע טענדענץ פונעם ערשטן זייטל ביזן לעצטן. אין אונטער־גרוב פון דער געזעלשאַפט זוכט מענדעלע און געפינט ליידנדיקע און ליבנדיקע הערצער, וועלכע ער שילדערט מיט גרויס ליבשאַפט. מענדעלע איז דאָ, אָן ספק, געווען אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור.

די קאָמפּאָזיציע פון „פישקע" האָט די זעלביקע אויפגאַבע, וואָס די קאָמפּאָזיציע פון „דאָס קליינע מענטשעלע" — אָנצואווייזן דעם אַדרעסאַט, צו וועלכן ס'איז געווענדעט די טענדענץ פונעם ווערק (ר' אַלטערן — דעם שולדיקן אין די ליידן פון זיין האָרבאַטער טאָכטער). אין דער קאָמפּאָזיציע פון „פישקע" איז פאַראַן אַ ריי ראָמאַנטיש־אוואַנטוריסטישע מאָמענטן (די באַגעגעניש מיט פישקען, אַלטער און די האָרבאַטע). ניט געקוקט אָבער אַף דעם, האָט „פישקע דער קרומער" באַוויזן אַ גוואַלדיקן וואוקס פון מענדעלען אַלס קינסטלער. שוין אין אָט דעם ערשטן וואַריאַנט פון „פישקע" האָט מענדעלע געגעבן גלענצנדיקע זומער־פּייזאַזשן (זומער באַטאָג און זומער פאַרנאַכט). עס איז אויך באַלעבטער געוואָרן די געשטאַלט פון מענדעלע מוכר־ספרים. אין „פישקע" זעען מיר אים שוין מיט זיין ביטער־גוטמוטיקן שמייכל, מיט זיין לעבן־לוסטיקייט און ליבשאַפט צו דער נאַטור. מענדעלען איז אויך געלונגען די געשטאַלט פון ר' אַלטערן — אָט דעם ערשטן מנחם־מענדל אין דער אידישער ליטעראַטור (דער שלימזל אַלטער פירט צונויף אַ שידוך פון צוויי בחורים) מיט זיין אַרט ריידן און דענקען, מיט זיין אופן

פון פירן געשעפטן. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אַלטער און מענדעלע זיינען פון איין שיכט, אַפילו פון איין באַשעפטיקונג, זיינען זיי דאָך קינסטלעריש דיפערענצירט.

4

אין דעם זעלביקן יאָר 1869 האָט מענדעלע אָפּגעדרוקט דאָס פּאָפּולערסטע ווערק זיינס פון די 60־ער יאָרן — „די טאַקסע". אין דער „טאַקסע" איז מענדעלע צוגעגאַנגען האַרט צו דער סאַמע צענטראַלסטער פּראָבלעם פון דער קליינבירגערלעכער אויפקלערונג — צו דער פּראָבלעם פון דער גרויזאַמער אונטערדריקונג פון די מאַסן דורך די הערשנדיקע פּריציש־בורזשואַזע שיכטן און קאָנקרעט — צו אַזאַ ספּעציפישער פאָרם פון עקספּלואַטאַציע, ווי די טאַקסע. די טאַקסע — די קאָראָבקע (קעסטעלע) — דאָס איז אַ ספּעציפישער שטייער אַף פלייש, ליכט און אַנדערע פּראָדוקטן פונעם ערשטן געברויך, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אַף אידן כלומרשט אַף צו באַפרידיקן די געזעלשאַפטלעכע נויטן פון דער אידישער באַפעלקערונג. אין דער אמתן האָט אָבער דער דאָזיקער שטייער רייך געמאַכט די קעשענעס פון די קהלשע רעדל־פירערס, נגידישע בעל־טובהס, וועלכע האָבן שוידערלעך עקספּלואַטירט דורך דער טאַקסע די ברייטע שיכטן פון דער אָרעמשאַפט. אין דער „טאַקסע" איז פאַר מענדעלען געשטאַנען די אויפגאַבע צו באַווייזן די כחות־פאַרהעלטעניש אין דער אידישער סביבה פון זיין צייט און צו געבן דעם לייענער אַ באַשטימטע אָריענטאַציע בנוגע די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען, צו געבן די מאַסן אַ באַשטימטן לאָזונג. איז דאָ טאַקע, באַם אויספילן אָט די העכסט־וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, האָט מענדעלע אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע ווידערשפּרעכלעכקייט און באַגרענעצטקייט.

אַ גרופּע גלופּסקער קהלס־לייט, „בעל־טובהס" (נגידים, וואָס טענהן, אַז זיי טוען דער שטאָט גאָר טובות), ספּאָדעק, תם און אַנדערע, געשטיצט פון די כלי־קודש, פון די דיינים, מיטן אָנטייל פונעם „געבאַפטן אין דער מעשה" (אויפגעקלערטן) שטאַנדהאַפט — האָט פאַרכאַפּט די טאַקסע אין זייערע הענט און עקספּלואַטירט די אָרעמשאַפט אַפן סאַמע שוידערלעכסטן אופן. אַרום די גרויסע „בעל־טובהס" רייבן זיך אַ סך קלענערע „בעל־טובהלעך".

אָבער, ווי ספּאָדעק קלאָגט זיך, די צייט, ווען עם־הארצים האָבן ניט געטאָרט אויפהייבן דעם קאָפּ, איז שוין אַוועק. די האָרעפּאַשנע אָרעמשאַפט איז אומצופרידן. די בעל־מלאכות קומען צו קהל זיך קלאָגן אַף זייער ביטערן גורל... אַ צווייט מאָל קומען זיי פאָדערן חשבון פון די קהלשע געלטן. צוויי אַנדערע רעדל־פירערס, וואָס וואָלטן אויך וועלן חלק אין דער טאַקסע, נוצן אויס די אומצופרידנקייט פון דער מאַסע און בונטעווען דעם עולם קעגן די בעל־טאַקסעס. באַקומען פון די בעל־טובהס אַ פעטן ביסן, גיבן זיי גלייך אָפּ די פּאָזיציעס. דאַן טרעט אַרויס פון דער מאַסע אַן אייגענער בונטאַר,

אייזיק זאַאיקע, וואָס דעקט אויף מיט אַ גוואַלדיקער פאַרשאַרפטקייט די ראָלע פון די כלי־קודש און איז איינגעשפּאַרט אין זיין פראָטעסט. צו דער אומ־צופרידענער מאַסע שטייט צו אויך דער אויפגעקלערטער אָרעמער אינטעליגענט שלמה וועקער, וואָס וועקט די מאַסע צום קאַמף קעגן די בעל־טובהס. קעגן אייזיקן שטעלט מען אָבער אַרויס אַ פאַלשן וועקסל און מע זעצט אים אַריין אין טורמע. אַף וועקערן לאָזט מען אַרויס דעם שטאָט־שייגעץ, וואָס רייצט אָן אַף אים די מאַסע, און ער איז געצוואונגען צו אַנטלויפן פון גלופּסק.

מענדעלע האָט, אַלזאָ, געגעבן אין דער „טאַקסע" אַ ברייט בילד פון די כחות־פאַרהעלטענישן צווישן דער אידישער באַפעלקערונג, פון די סאָציאַלע שטריימן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען צווישן די הערשנדיקע פּאַראַזיטישע שיכטן, פון איין זייט, און דער אונטערדריקטער האָרעפּאַשנער מאַסע, פון דער צווייטער זייט. מענדעלע האָט געגעבן אַ ריכטיקע שילדערונג פון דער כאַפּטע בעל־טובהס, פון דער פּאָזיציע פון די כלי־קודש, פון דער אָריענטאַציע פון די נגידים, פון די כלומרשט אויפגעקלערטע שטאַנדהאַפטס, פון די נייע יוירנדיק־בונטאַרישע קרעפטן אין דער מאַסע. מיר זעען דאָ ערשטע סימנים פון מענדעלעס באַפרייען זיך פון די אילוזיעס פון דער בור־זשואַזער השכלה. דער עצם פּראָטעסט קעגן דער באַנדע שטאָט־בעל־טובהס ווערט געגעבן מיט אַזאַ פּלעבייאישער פאַרשאַרפטקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער השכלה־ליטעראַטור. מענדעלע האָט גלענצנדיק אויפגעדעקט דעם ברייטן קלאַסן־אינטערעס פון די בעל־טובהס אין דער טאַקסע. זיי גייט אָן ניט בלויז דער געלט־אינטערעס, ס'איז באַ זיי אַ פראַגע פון קלאַסן־הערשאַפט. ספּאָדעק דאַרף האָבן, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס, די „אויבערהאַנט איבער די שקצים פון דער היינטיקער וועלט", „האַלטן אין דער מורא אַ בעל־מלאכה, אַ פּאַרך, אַ קבצן, זיי זאָלן האָבן דרך־ארץ". מענדעלע האָט אויך אויפגעדעקט דעם מאַטעריעלן קלאַסן־אינטערעס פונעם צאַצקען זיך מיט אידישקייט באַ די עקספּלואַטאַטאָרישע שיכטן. איינער פון די בעל־טובהס זאָגט: „מע מוז ווערן גאָטס סטראַפּ־טשעס. אין עקאָנאָמיע דאַרף פרומקייט אויך עפּעס אַריינטראָגן." דאָס זיינען געווען פאַר יענער צייט אומגעהערט־שאַרפע דעמאַסקירונגען. גאָר ניט לאַנג פאַר דעם האָט זיך מענדעלע אַליין נאָך געצאַצקעט מיטן רב („דאָס קליינע מענטשעלע") און געשריבן פרומע הקדמות צו זיין „תולדות הטבע". ווי מיר זעען, האָט זיך אונטער דער ווירקונג פון די ראַדיקאַלע אידייען פון די 60־ער יאָרן מענדעלעס אידעאָלאָגיע פּאַמעלעך גערוקט אַף לינקס. קיין איבערבראָך אָבער איז נאָך אַלץ ניט פאָרגעקומען.

אין דער „טאַקסע" איז מענדעלע נאָך אַלץ אין דער מאַכט פון דער בורזשואַז־משכילישער אילוזיע וועגן דעם „סינטעז" פון אידישקייט, מענטש־לעכקייט און מאָנאַרכיזם, אין וועלכן (סינטעז) ער זעט אַ רפואה צו אַלע צרות. מענדעלע פאַרשטייט נאָך ניט, אַז די בעל־טובהס און די צאַרישע רעגירונג זיינען איין כנופיה. מענדעלע פאַרבינדט ניט דעם קאַמף קעגן דער



אַנקעטע וועגן דער טאַקסע אין זשיטאָמיר — אַרום יאָר 1870,
געשריבן מיט מענדעלעס אייגענער האַנט.

טאקסע מיטן קאמף קעגן דעם צאַריזם בכלל. די בורזשואַז־משכּילישע אילוזיעס ברענגען מענדעלען סוף־כּל־סוף צו פּאַרטיידיקן שטאַנדהאַפטן, וועלכער פאַרמאָגט „גילדענע פייאיקייטן, טייערע מעלות, נאָר שלעכטע מענטשן האָבן אים פאַרפירט".

די דאָזיקע בורזשואַז־משכּילישע אילוזיעס דערלאָזן ניט מענדעלען צו זען און אויסצוגעפינען אין דער מאַסע געזונטע שעפערישע כּחות, וואָס זיינען פייאיק צו פירן אַ קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג. וועקער אַנטלויפט פון גלופּסק, און זיין לעצט וואָרט איז: „גאָט זאָל געבן אין הארצן פון דער גוטער און פרומער און באַרעמהערציקער רעגירונג, אַז זי זאָל אַף דיר אַ בליק טאָן מיט חסד און מיט רחמנות"...

די „טאַקסע" האָט טאַקע מענדעלע געווידמעט דער צאַרישער רעגירונג אין דער פּערזאָן פונעם אָדעסער שטאָט־גאַלאָווע (הויפּט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג) נאָוואָסעלסקי...

אַז מענדעלע האָט זיך אין דער „טאַקסע" אַ רוק געטאָן פאָרויס, ווערט באַזונדערס בולט, ווען מע פאַרגלייכט זיין פּאָזיציע אין דער „טאַקסע" מיט צעדערבוימס פּאָזיציע. אויך צעדערבוים האָט אין יענער צייט געשריבן וועגן דער טאַקסע. ער באַשרייבט אפילו דעם קאָנקרעטן פאַקט, וואָס האָט געדינט אַלס סוזשעט פאַר מענדעלען (די מעשה מיט די „גאַלאַגאַנסקע" הינער, זאַאיקעס בונט, זיין אַרעסט). צעדערבוים שטייט אָבער אינגאַנצן אַף דער זייט פון די נגידים. זאַאיקען (ער רופט אים אַלטער, בא מענדעלען הייסט ער אייזיק) סטאַרעט ער זיך צו דעמאַסקירן אַלס אַ שנאָרער, וואָס זאָל וועלן אויספּרעסן בא קהל געלט. ס'איז קלאָר, אַז צעדערבוים איז נעענטער צו די ספּאָדעקס, איידער צו די זאַאיקעס.

נאָר אויב מענדעלע האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון צעדערבוימס באַציאונג צו די ספּאָדעקס, פון איין זייט, און צו די זאַאיקעס, פון דער צווייטער, האָט ער אָבער זיך נאָך ניט באַפרייט פון צעדערבוימס באַציאונג צו די נאָוואָסעלסקים, ער האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון די אילוזיעס בנוגע דעם צאַריזם. דאָס איז טיילווייז פאַרגעקומען ערשט אין די 70־ער יאָרן.

„די טאַקסע" באַשטייט פון סצענעס, וואָס זיינען פאַרבונדן צווישן זיך בלויז דורך אַן איינהייטלעכער אידייע — די דעמאַסקירונג פון די בעל־טובהס, אָבער ניט דורך אַן איינהייטלעכן סוזשעט. איבער דעם איז טאַקע שווער צו שטעלן דאָס ווערק אַף דער סצענע. אין אָט דעם הינזיכט פאַרשווערעקט אויך דער איבערפלוס פון רייד איבער האַנדלונג. די לעבעדיקסטע אַקטן פון סצענישן שטאַנדפּונקט זיינען דער ערשטער, דער צווייטער און טיילווייז דער פינפטער. פון די פיגורן זיינען די סאַמע לעבעדיקסטע די בעל־טובהס. די פּאָזיטיווע פיגורן זיינען בלוט־אָרעם און סכעמאַטיש. ס'איז דאָ אַ גרונט צו רעכענען, אַז מענדעלע האָט אָנגעשריבן די „טאַקסע" אונטער דער ווירקונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר" (אין דער „טאַקסע" איז פאַראַן אויך דער רעוויזאָר־מאָטיוו). מענדעלע האָט אָבער ניט דערהויבן די פיגורן צו דער קינסטלעריש־

פסיכאָלאָגישער הויך פון גאָגאָלס טיפּאַזש.

„די טאַקסע״ איז אַריינגעפאַלן אין דער גלופסקער וועלט, ווי אַ באָמבע. די בערדיטשעווער בעל־טובֿהס האָבן זיך דערקענט און זיינען מוראדיק אויפ־געבראַכט געוואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע העצע קעגן מענדעלען מיט מסירות און דראָאונגען. אינעם יאָר 1869 איז מענדעלע געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן מיט זיין פאַמיליע פון בערדיטשעוו און ער האָט זיך באַזעצט אין זשיטאָמיר.

5

זשיטאָמיר, וואוהין מענדעלע איז אַריבערגעפאָרן אינעם יאָר 1869, איז נאָך אָדעם געווען דער וויכטיקסטער השׂכּלה־צענטער אין אוקראַינע. צו יענער צייט איז זשיטאָמיר געווען אַן עקאָנאָמיש אַנטוויקלטע שטאָט, וואָס האָט פאַרמאָגט באַ אַ דריי צענדליק טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי העכער 15 טויזנט אידן. פון יאָר 1837 אָן האָט אין זשיטאָמיר עקזיסטירט אַ גרויסע אידישע דרוקעריי (די געוועזענע באַרימטע סלאַוואוטער אידישע דרוקעריי), וואו פיל משׂכּילים האָבן געדרוקט זייערע ווערק. פון יאָר 1848 אָן האָט זשיטאָמיר אויך פאַרמאָגט אַ ראַבינער־שול, וואו ס'האָבן אין די 60־ער יאָרן זיך געלערנט העכער 200 מאַן. צווישן די לערער פון דער ראַבינער־שול זיינען געווען אַזוינע פּאָפּולערע משׂכּילישע שרייבער פון יענער צייט, ווי חיים זעליק סלאָנימסקי, אילעזר צווייפל, אבֿרהם־בער גאָטלאָבער א. אַנד. אין יאָר 1862 האָט זיך אין זשיטאָמיר געגרינדעט אַ האַנטווערקער־שול, וואָס איז געווען באַוואוסט אין דער גאַנצער געגנט.

מענדעלעס ווייטערדיקע ליטעראַרישע אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין די באַדינגונגען פון די 70־ער יאָרן. אין די 70־ער יאָרן איז דער דרוק פון דער צאַריש־פּריצישער רעאַקציע געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער. די לאַגע פון די ברייטע מאַסן אין שטאָט און אין דאָרף איז געוואָרן אַלץ ערגער. די ראַזנאָטשינישע אינטעליגענץ האָט זיך דיפערענצירט. טיילן זיינען אַוועק מיטן רעאַקציאָנער־שאָוויניסטישן שטראָם. אַנדערע ווידער האָבן זיך פאַר־כאַפּט מיט דער באַוועגונג פון „גיין אין פאָלק״ און זיינען אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם צאַריזם. אין קלעם פון דער צאַריש־פּריצישער רעאַקציע (אין יאָר 1870 האָט שוין די צאַרישע רעגירונג געמאַכט איר ערשטע פּאָגראָם־רעפּעטיציע אויף די אידישע מאַסן, ווי אַ מיטל קעגן דער שטייגנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג) און פונעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם האָט זיך דיפערענצירט אויך די אידישע אינטעליגענץ.

מענדעלע, וואָס האָט שוין אין די 60־ער יאָרן באַוויזן אַזויפיל פּלעבייִ־אישן מוט אין דער „טאַקסע״, איז אין די 70־ער יאָרן אַוועק לינקס אויף מער ראַדיקאַלע פּאָזיציעס. דערצו האָט אים אויך מיטגעהאָלפן זיין פּערזענלעכע דערפאַרונג.

מענדעלעס מאַטעריעלע לאַגע איז אין זשיטאָמיר ניט געווען בעסער, ווי אין בערדיטשעוו. אינעם יאָר 1871 האָט ער זיך געפּרוּווט משתדל זיין וועגן אַרויסגעבן צוזאַמען מיט ל. בינשטאָקן (מענדעלעס נאָענטער פריינט און זיין שפּעטערדיקער ביאָגראַף, האָט אויך געוואוינט אין זשיטאָמיר) אַ צייטונג אַף אידיש (די פּראָגראַם פון דער געפּלאַנטער צייטונג האָט געזאָלט זיין אַ ליבעראַלע בורזשואַז־משכּילישע). די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער ניט גע־געבן קיין דערלויבעניש אַף דער צייטונג. דעמאָלט האָט מענדעלע באַשלאָסן אָפּגעבן עקזאַמען אין דער ראַבינער־שול, כּדי צו באַקומען אַ שטעלע אַלס קאַזיאָנער ראַבינער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פלייסיק לערנען און איז אַרויס פון אַלע עקזאַמענס מיט גוטע באַלן. לויט דער דעמאָלטיקער אָרדענונג האָט מענדעלע פאַרן באַקומען דעם אַטעסטאַט געדאַרפט אַרויסטרעטן אין דער סינאַגאָגע פון דער ראַבינער־שול מיט אַ שבתדיקער דרשה אַף רוסיש. מענדעלעס דרשה האָט זיך אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפער אָנקלאָג־רעדע קעגן די תּקיפים און רעדל־פירערס, און מענדעלע האָט שוין, נאַטירלעך, קיין אַטעסטאַט ניט באַקומען. די דאָזיקע און ענלעכע פאַקטן פון צאַרישן דרוק, וואָס מענדעלע האָט זיך געקענט אָנזען אין זיין סביבה, האָבן בא אים ביסלעכווייז צעוויעט די בורזשואַז־משכּילישע אילוזיעס וועגן דער באַמערהעריציקער רעגירונג און וועגן אירע גענאָדן... מענדעלע האָט זיך דערוויטערט פון צעדערבוימען, וועמען ער רופט אָן אין זיינע בריוו אין די 70־ער יאָרן עם־הארץ און כּלעסטאַקאָוו... מענדעלע איז, אַזוי־אַרום, גע־קומען צו דער „קליאַטשע" (1873).

דער תּוך פון דער „קליאַטשע" איז — די פאַרטיידיקונג פון די געיאָגטע און געפּלאָגטע אָרעמע אידישע מאַסן קעגן זייערע בעל־טובהם און באַדריקער אי פון אינעווייניק, אי פון אויסנווייניק. אויך אין „קליין מענטשעלע" און אין דער „טאַקסע" האָט זיך שוין מענדעלע איינגעשטעלט פאַר די געדריקטע מאַסן, אָבער אין יענע ווערק האָט נאָך מענדעלע געגלויבט אין דער אַל־מעכטיקער השכּלה און אין דער „באַרעמהערציקער" רעגירונג. איצט, אין די 70־ער יאָרן, האָט זיך מענדעלע גענומען באַפרייען פון די דאָזיקע אילוזיעס.

ווי דער שטייגער זיינער איז, האָט מענדעלע אויך די „קליאַטשע" אָנ־געהויבן מיט אַ סאַטיריש־קינסטלערישן אָנשטעל, אַז די „קליאַטשע" האָט כּלומרשט ניט ער פאַרפאַסט, נאָר ישראליק, דער משוגענער משכּיל. צווישן זיינע כּתבים האָט עס איינער געפונען און איבערגעגעבן אים, מענדעלען, אַף אָפּצודרוקן (דאָס פאָדערבלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון דער „קליאַטשע" איז טאַקע אַזאַ: „די קליאַטשע, אָדער צער־בעלי־חיים, אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרוואָלגערט צווישן די כּתבים פון ישראליק דעם משוגענעם, געדרוקט בהשתדלות מענדעלע מוכר־ספרים").

אין דער מעשה גופא דערציילט ישראליק וועגן די פּאַסירונגען פון זיין לעבן. ישראליק, אַ פאַרכאַפּטער פון די השכּלה־אידייען, האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן עקזאַמען און אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט צו שטודירן דאָרטן

מעדיצין, כדי ער „זאָל דערמיט נוצלעך זיין אי זיך, אי דער וועלט“. ער איז אַוועק אַפן וועג, אַף וועלכן מענדעלע האָט גערופן אין זיין „ווינטשפינגערל“: זוכן דאָס ווינטשפינגערל, דאָס גליק אין בילדונג. ער האָט זיך גענומען פליסיק פאַרן לערנען. באַלד האָט ער אָבער דערפילט דאָס רעאַלע פנים פון דער צאַריש־קאַזיאָנער בילדונג. די „היסטאָריע“ איז פול געווען מיט ווילדע מעשיות וועגן קיסרים און מלחמות, די „סלאָוועסנאָסט“ — ליטעראַטור־געשיכטע — מיט מעשיות וועגן דער באַבע־יאַגאַ, מכשפים און מכשפות, גלגולים, גזלנים. פון דער „היסטאָריע“ מיט דער „סלאָוועסנאָסט“ איז ישראליק פאַרשלאַפט געוואָרן, און דאָקטוירים האָבן אים געהייסן שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. איינמאָל, ליגנדיק הינטער דער שטאָט, האָט ער דערזען, ווי קונדסים (שטיפערס) איזדיעקעווען זיך איבער אַ מאָגערער, פאַרפייניקטער קליאַטשע... ישראליק שטעלט זיך איין פאַר איר. די קליאַטשע דערציילט אים איר לעבן־געשיכטע. זי איז אַמאָל אַ פרינץ געווען, נאָר שוין טויזנטער יאָרן אַז זי וואַנדערט אום איבער דער וועלט אין געשטאַלט פון אַן „אייביקער קליאַטשע“, וואָס אַלע איזדיעקעווען זיך איבער איר. די דאָזיקע וואונדערלעכע באַגעגעניש מיט דער קליאַטשע איז דורך מענדעלען געשילדערט געוואָרן אין פלאַן פון ישראליקס קראַנקהאַפטיקע זעענישן פון אַ צעהיצטן מח... ווען ישראליק איז געזונט געוואָרן, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין דניעפּראָוועץ האַלטן עקזאַמען. איבער דער פּאָליציייִשער באַציִאונג פון די עקזאַמינאַטאָרס איז ער דורכגעפאַלן. אַרומבלאָנדזשענדיק איבער דער שטאָט, האָט ער דערזען, ווי די פּאָליציי פירט זיין קליאַטשע און שלאָגט זי טויט־שלעג. ער האָט זיך ווידער איינגעשטעלט פאַר איר, געגעבן דער פּאָליציי אין האַנט אַריין, אָפּגענומען בא איר די קליאַטשע און אַוועק מיט איר פון שטאָט. נאָך אַ שטורעם, וואָס האָט זיך פלוצלונג אויפגעהויבן אין וואַלד אַפן וועג, פרעגט ישראליק בא דער קליאַטשע, ביז וואַנען וועט זי אַלץ אַזוי אָפּקומען. די קליאַטשע ענטפערט: „ביז וואַנען מענטשן וועלן ווערן בעסער און קליגער, און אמת און גערעכטיקייט וועלן הערשן אַף דער וועלט“. „דער שטורעם, אין וועלכן די גערעכטיקייט וועט זיך באַווייזן, וועט זיין אַ שטאַרקערער פון דעם, וואָס איז געווען ערשט ניט לאַנג“ — פאַרענדיקט ישראליק דעם געדאַנק פון דער קליאַטשע.

אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון דער טרויעריקער מעלאָדיע פונעם סאָלאָוויי אין וואַלד באַטראַכט ישראליק די וועלט. פאַר זיינע אויגן גייען פאַרביי בילדער פון אומגעהייערער אָרעמקייט, פון קהלשע אסיפות, פון בעל־טובהס און בעל־טאַקסעס, פון פּאַראַזיטישע שנאָרער־שיכטן. די קליאַטשע דערציילט וועגן דעם בעל־טובה, וועגן די ספּאָדעקס און וועגן דעם געהויבענעם בעל־שם (אָפּשפּרעכער), וואָס לעבן אַפן חשבון פון קהל, און זי האָט פאַר זיי אַלעמען שווער געהאָרעוועט. ישראליק דער משכיל ווערט דורכגעדרונגען מיט רחמנות צו דער קליאַטשע. ער ווענדעט זיך צום קאָמיטעט פון דער חברה „צער־בעלי־חיים“ (געזעלשאַפט צו שיצן לעבעדיקע באַשעפענישן, בוכשטעב־

לעך: געזעלשאַפט פון מענטשן, וואָס קענען ניט צוזען דעם צער פון בעלי־חיים), און ער איז באַגייסטערט פון קאָמיטעט׳ס ענטפער, אַז די קליאַטשע „זאָל זיך צוערשט בילדן, דעמאָלט וועט די חברה איר ביישטיין". ער לייגט אַוועק דער קליאַטשע אַ רעדע וועגן דער גרויסקייט פון בילדונג (לפי ערך מיט די ווערטער, וואָס מענדעלע אַליין האָט באַנוצט אין „ווינטשפינגערל").
די קליאַטשע איז אָבער ניט בלויז ניט אַנטציקט געוואָרן, זי האָט אויך געעפנט איר מויל און געענטפערט אַזוינס, פון וואָס דעם משכיל האָבן זיך געשטעלט די האָר קאַפּויר: „איך וויל גאָר ניט הערן קיין רחמנות, קיין נוצן. איך בין, ווי אַלע אַנדערע, אַ לעבעדיק באַשעפעניש און האָב, ווי זיי, פראַווע, אַ רעכט צו לעבן. אַז איר וועט מיט מיר זיך באַנעמען מיט גערעכטיקייט, דעמאָלט, זעסטו, וועלן מיר שמועסן וועגן קונצן."
אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן דער אשמדאי, דער מלך פון די רוחות. ער האָט זיך רעקאָמענדירט ישראליקן פאַרן איניציאַטאָר פון אַלדאָס בייז אין דער וועלט. ער האָט באַשטעטיקט דער קליאַטשעס רייד. דער אשמדאי האָט זיך אויפגעהויבן מיט ישראליקן גאַנץ הויך און איז געפלויגן איבער דער וועלט. ער האָט באַוויזן ישראליקן זיינע אשמדאישע אויפטוען: אַ פּאָ־גראָמירטע שטאָט אין רומעניע (איבער צענזור־טעמים פלעגן די שרייבער אין יענע יאָרן באַנוצן „רומעניע" אַנשטאָט רוסלאַנד). וויטער באַווייזט ער אים אַן אכזריותדיקן פריץ, וואָס לערנט זיך געיעג אַף אידן, דעם צאַרישן געריכט. דער אשמדאי פירט אים אויך אַריין אין דער אשמדאישער קאַנ־צעלאַריע. דער סעקרעטאַר לוציפער גיט אָפּ דעם אשמדאי אַ ראַפּאָרט: „אייער אשמדאישע פינצטערניש, מלך פון אַלע רוחות און מחבלים, פרינץ פון אַלדע שוואַרצע יאָר, הערצאָג פון שבעה מדורי גיהנום (זיבן אָפּטיילונגען פון גיהנום), גראַף פון סדום און עמורה" א. אז. וו., וואָס דאָס איז אַ בייזע סאַטירע אַף דעם צאַרישן טיטל אין די „מאַניפעסטן". אינמיטן דערינען קומט אָן אין אשמדאיס מלוכה אַ ידיעה, אַז ס׳איז געשטאָרבן אַ גרויסער בעל־טובה. דער אשמדאי קרוינט ישראליקן פאַר אַ בעל־טובה און גיט אים אויך אַ לעקציע וועגן בעל־טובהריי: געמאַכטע פרומקייט, געמאַכטע גוטסקייט, יד־אחת מיטן בעל־טאַקסע, פאַרוויגן דעם עולם מיטן תורה־לידל, ער זאָל שטענדיק שלאָפן. ישראליק וויל ניט די שטעלע, ער וויל ניט רייטן אַף דער קליאַטשע, נאָר מע ועצט אים אַרויף מיט גוואַלד און מע לאָזט אים אַראָפּ אַף דער ערד: ישראליק האָט זיך אויפגעכאַפּט באַ זיך אין צימער. לעבן אים — דער בעל־שם און נאָך אַן אָפּשפּרעכערקע. די מאַמע האָט אים דער־ציילט, וואָס מיט אים האָט זיך פּאַסירט, זינט מע האָט אים נאָכן עקזאַמען געפונען אין דנעפּראָוועץ אַ האַלב־טויטן.
„די קליאַטשע" איז אַ האַלב קינסטלעריש־רעאַליסטיש, אַ האַלב פּוב־ליציסטיש־אַלעגאָריש ווערק (די אַלעגאָרישע פאָרם איז אין אַ געוויסער מאָס באַדינגט געווען פון דער פּאָליטישער שאַרפקייט פון דער טעמע), וואָס באַ־ווייזט אונדז מענדעלען אין אַ גאַנץ נייער שיין. דאָס נייע אין דער „קליאַטשע"

קען מען פאָרמולירן אין פאָלגנדיקע פּונקטן:

1. די פּעאָדאַלע רעשטן אין דער אידישער סביבה בילדן שוין איצט, לויט מענדעלען, איין קנוף מיט די פּעאָדאַלע רעשטן אין רוסלאַנד בכלל, דאָס הייסט, מיטן גאַנצן צאַריש־פּריצישן רעזשים.

2. דער השכלה־אידעאַל אינעם פאַרשטיין פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע (די חברה „צער־בעלי־חיים") ווערט דערקלערט אַלס איינע פון די שעדלעכסטע „ווינטשפינגערל"־אילוזיעס, וואָס דאַרפן אַרונטערגעריסן ווערן.

3. די טרויעריקע לאַגע פון די ברייטע אידישע מאַסן ווערט צום ערשטן מאָל אין דער אידישער ליטעראַטור דערקלערט אַלס פּראָדוקט פון זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג.

4. פונעם ליבעראַל־בורזשואַזן משכיל ווערט אַרונטערגעריסן דער שלייער פון אַ פאָלקס־פריינט. דער משכיל ווערט סוף־כל־סוף איינער פון די „רייטער" אויף דער קליאַטשע.

5. דער ליבעראַל־משכילישער „סינטעז" פון תורה־חכמה־מאָנאַרכיזם ווערט שאַרף קריטיקירט. יעדער גליד פונעם דאָזיקן סינטעז ווערט דע־מאַסקירט אַלס געווער אין די הענט פון די רויבערישע קלאַסן.

קריטיקירנדיק שאַרף די ליבעראַל־בורזשואַזע השכלה מיט אירע אילוזיעס, טרעט אָבער מענדעלע אַרויס אין דער „קליאַטשע" ניט קעגן דעם קאַפּי־טאַליזם בכלל, נאָר בלויז קעגן די אַזיאַטישע פאָרמעס פונעם קאַפּיטאַליזם. די פאַרניכטונג פון די אַזיאַטישע פאָרמעס פונעם קאַפּיטאַליזם מאָלט זיך אים אַלס דאָס העכסטע גליק פון דער מענטשהייט. ער שטעלט זיך אויך פאָר, אַז דאָס „עפענען אַ וועלט", ד. ה. — דאָס אָפּשאַפן דעם „תחום", דאָס דערלויבן אידן צו וואוינען אומעטום, וועט ראַטעווען די אידישע אָרעמשאַפט פון אַלע צרות.

ערשט אין דעם נייעם וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע", געמאַכט אין די לעצטע 90־ער יאָרן, זיינען צוגעקומען אויך אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע טענדענצן. די דאָזיקע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע טענדענצן זיינען שוין אָבער באַ מענדעלען דעמאָלט, סוף די 90־ער יאָרן, פאַרבונדן געווען מיט אַ געוויסער ראָמאַנטישער אידעאַליזאַציע פון דער פּאַטריאַרכאַלער פּויערים־ווירטשאַפט, וואָס ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער שטאָט. אין דער ערשטער אויסגאַבע פון דער „קליאַטשע" זיינען די דאָזיקעביידע מאָמענטן ניטאָ.

אין דער „קליאַטשע" הערשט אין אַ געוויסער מאָס אַ געדריקטע מינאָרע שטימונג. ישראליק דער משכיל, צום אונטערשייד פון די משכילישע פּער־סאָנאַזשן באַ די פריערדיקע שרייבער, האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פונעם שווערן קאַמף פאַרן לעבן אין די באַדינגונגען פונעם שטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך מיט זיין שווערער לאַסט געלייגט אויך אויף די פּלייצעס פונעם קליינבירגער.

עס טרעט דאָ אַרויס באַ מענדעלען דער אינעווייניקסטער ריס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע זיינע ווערק פון די 60—70־ער יאָרן. מיט דעם

זיינען פֿאַרבונדן אויך די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וואָס זיינען אין א היפּשער מאָס פֿאַראַן אין דעם ווערק און אינעם באַגריף „קליאַטשע" בכלל: די פּרינץ־לעגענדע אין די בענקשאַפֿט נאָך דער אַמאָליקער כלומרשטער נאַציאָנאַלער גרויסקייט.

אין די 70־ער יאָרן האָט די „קליאַטשע" אָפּגעשפּיגלט די ראַדיקאַליזירונג פֿון גרויסע טיילן פֿון דער אידישער אינטעליגענץ, איר באַפֿרייען זיך פֿון די ליבעראַל־משכּילישע אילוזיעס. פֿון דער אַנדערער זייט, האָט די „קליאַטשע" געדינט אַלס געווער אין די הענט פֿון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ צו פֿאַרשטאַרקן איר איינפֿלוס אַף די מאַסן. אין יאָר 1891 האָט דער זשורנאַל „וואָסכאָד" אָנגעהויבן דרוקן אַ רוסישע איבערזעצונג פֿון דער „קליאַטשע" מיטן טיטל „זאַפּיסקי איזראַאילאַ" און איז דערפֿאַר אָפּגעשטעלט געוואָרן אַף 6 חדשים. די דאָזיקע ביידע פֿאַקטן באַשטעטיקן דעם היסטאָריש־פּראָגרעסיוון באַטייט פֿון דער „קליאַטשע".

6

ערשט איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפֿרייט פֿון אַ ריי ליבעראַל־משכּילישע פֿאָראורטיילן און אילוזיעס, איז מענדעלע פּייאיק געוואָרן צו באַשאַפֿן דאָס גרעסטע ווערק פֿון דער השכּלה־ליטעראַטור. אין יאָר 1875 (אין אַ באַזונדער אויסגאַבע דערשינען אין 1878) האָט מענדעלע אָנגעהויבן דרוקן זיין גרויסאַרטיקע סאַטירע „מסעות בנימין השלישי", וואָס האָט געגעבן אַ מעכטיקן קלאַפּ דעם אוועקגייענדיקן און אונטערגייענדיקן מיטלאַלטער.

מענדעלע האָט איצט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען, אַז די אַנטוויקלונג פֿונעם נייעם לעבן, פֿון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער אָרדענונג באַגעגנט טאַרמאָזן ניט בלויז מצד דעם צאַריזם, קהל און טאַקסע, נאָר אויך מצד דער מיטלאַלטערלעכער ירושה פֿון אָפּגעריסנקייט פֿון לעבן, פֿון בטלנות, פֿון פֿאַרזונקען זיין אין אַן אָפּגעשטאָרבענער קולטור פֿון שמות און שאָטנס, פֿון באַדנלאָזיקייט און פּוסטע משיח־טרוימערייען און האָפֿענונגען. נאָך מער, אין די 70־ער יאָרן האָט מענדעלע שוין געקענט זען, ווי ס'באַווייזן זיך פֿאַרשווינען, וועלכע נוצן אויס די שוועריקייטן, וואָס די קליינבירגערלעכע מאַסן האָבן איבערגעלעבט אין די באַדינגונגען פֿונעם שטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם און פֿונעם צאַרישן דרוק, און ווילן פֿירן די דאָזיקע מאַסן צוריק צום מיטלאַלטער. אין די 70־ער יאָרן האָט זיך שוין באַוויזן די פֿאַנטאַסטישע און רעאַקציאָנערע אידייע וועגן באַנייען די אידישע מלוכה אין דער ווייטער פּאַלעסטינע, וואָס איז דורכויס באַזעצט מיט אַראַבער. ס'האָבן זיך גענומען, פֿאַרשפּרייטן אָנצאָליקע לעגענדעס וועגן די פֿאַרפֿאַלענע צען שבטים, וועגן די רויטע אידעלעך, וואָס האָבן אין פֿאַרוואָרפֿענע קאַנטן אַן אייגענע זעלבסטשטענדיקע מלוכה. זיי וואַרטן נאָר אַף אַ צייכן, און זיי וועלן זיך אויפֿ־

הייבן און וועלן אוועקמארשירן אף א מלחמה מיטן תוגר (טערק), אפנעמען בא אים פאלעסטינע און באנייען די אידישע מלוכה.

מיט דער גאנצער קראפט האט זיך מענדעלע איצט פארמאסטן אין „מסעות" אף דער דאזיקער פסיכא־אידעאלאגישער ירושה פונעם פינצטערן מיטלאלטער, וואס נייע אוואנטוריסטן האבן זיך גענומען אויסנוצן אף צו פארפירן די ברייטע אידישע מאסן. דעמאסקירט אין דער הקדמה די אידישע נאציאנאליסטישע כלומרשט אויפגעקלערטע פרעסע, וואס האט אונטערגעהאלטן די דאזיקע שווינדלערייען, האט מענדעלע זיך געלאזט אין אנגריף אף די בנימינס גופא. מיט דער הילף פון פארניכטנדיקער פאראדיע האט מענדעלע אויפגעדעקט דאס נישטיקע פנים פון אלע „נוסעים" (רייזנדע), וואס פארפירן די דערשלאגענע מאסן. ווער־זשע איז אזוינס בנימין דער דריטער, דער גרויסער רייזנדער? אף דעם ענטפערט מענדעלע קורץ און שארף: ער איז א טונעיאדעווקער. בנימין איז אויסגעוואקסן אפן באדן פון דער מיטלאלטערלעכער טונעיאדעווקע מיט איר אפגעריסנקייט פון דער וועלט, מיט איר מאטעריעלער באדנלאזיקייט, באגרענעצטקייט, מיט אירע גלויבענישן און אבערגלויבענישן, פאנטאזיעס און אילוזיעס.

געגעבן אינעם ערשטן קאפיטל א גלענצנדיקע קינסטלערישע כאראקטעריסטיק פון טונעיאדעווקע, האט מענדעלע אין די ווייטערדיקע קאפיטלעך באוויזן די בנימין־פיגור, וואס איז אויסגעוואקסן אף איר באדן. בנימין איז א ליידיקגייער, א וויסטער בעל־בטחון, ער איז א שוטה און האלט זיך פאר דעם גרעסטן חכם און פאר דעם גרעסטן „בעל־עצה". ער איז א מוראדיקער פחדן און טראכט וועגן זיך, ווי וועגן דעם גרעסטן גבור און העלד. דערצו איז ער דורכגעדרונגען מיט דער ספעציפישער באלעבאטיש־נאציאנאליסטישער אידן־גאוה. ער איז גענויגט צו התפעלות, פארטראגנקייט, טרוימעריי. ער האט זיך אנגעליענט מיט מיטלאלטערלעך־פאנטאסטישע ספרים וועגן פעלקער און לענדער, וועגן די רויטע אידעלעך. ער גלויבט, אז אלץ, וואס דארט איז אנגעשריבן, איז אמת — און ער האט באשלאסן אויפצוזוכן די רויטע אידעלעך, כדי מיט זייער הילף אויסצולייזן דאס אידישע פאלק פון גלות.

מענדעלע האט גלענצנדיק אויפגעדעקט די עקאנאמיש־פאליטישעווארצלען פון בנימינס רייזע: די ארעמקייט, פון איין זייט, דער צארישער דעספאטיזם, פון דער צווייטער, האבן געשאפן א באדן פאר די אוואנטורעס פון די בנימינס. מענדעלע האט ניט באוויזן בנימינען, ווי א באוואוסטזיניקן שארלאטאן. בנימין אליין איז א קרבן פון דער מיטלאלטערלעכער דערציאונג און סביבה. ער איז אליין א פארפירטער, אבער אויך אומבאוואוסטזיניק א פארפירער. אין דער געשטאלט פון סענדערלען האט מענדעלע באוויזן די פארפירטע — די מאסן, וואס זיינען ניט ווייניקער, ווי בנימין, אין דער מאכט פון די מיטלאלטערלעכע אילוזיעס. סענדערל פארמאגט נאטירלעכן שכל, ער איז אבער דערשלאגן, ווילנלאזיק. ער איז פראקטישער פון בנימינען, זיין פראקטישקייט אבער איז א קבצנישע, א טארבע־פראקטישקייט. אין תוך

איז ער דער זעלביקער פּראָדוקט פֿון דער מיטלאַלטערלעכער חלומות־קולטור, ווי בנימין. אים, סענדערלען, האָט עם בנימין אויסגעקליבן פֿאַר זיין מיט־גייער.

בנימין און סענדערל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַף דער רייזע צו די רויטע אידעלעך. טעטעריוועקע און גלופּסק, דורך וועלכע זייער וועג איז דורכ־געגאַנגען, זיינען אין תוך די זעלביקע טונעיאַדעווקע. פֿון דעם קרעטשמער אַפֿן וועג ביז צו די צוויי גלופּסקער אידענעס טאָלצע און טריינע, וואָס גייען אַרויס באַגעגענען אונדזערע רייזנדע, זיינען זיי אַלע פּאַרזונקען אין דער טונעיאַדעווקער פֿאַרשטעלונג־וועלט, און זיי באַגריסן בנימינען און סענדערלען

„בנימין דער דריטער"
(מיכאָעלס, פֿאָלקס-אַרטיסט פֿון סאָ-וועטן-פֿאַרבאַנד, אין דער ראָל אין מאָסקווער אידישן מלוכה-טעאַטער).

ווי זייערע העלדן. מענדעלע האָט, אַזוי־אַרום, באַוויזן אי דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באָדן, וואָס אַף אים זיינען אויסגעוואַקסן די בנימינס מיט זייערע אילוזיעס, אי די אַטמאָספֿערע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט.

„מסעות בנימין השלישי" איז אַן אויסגעשפּראָכן סאַטיריש ווערק. צו דעם סאַטירישן אין „מסעות" דערגרייכט מענדעלע אַף צווייערליי אופֿנים:

1. דורך אַנטפּלעקן ביזן סוף דאָס קאָמישע אין בנימינען. בנימין איז קאָמיש דערפֿאַר, ווייל ער נעמט אויף די ווירקלעכקייט לויט פֿאַרשטעלונגען און באַגריפֿן, וואָס ער האָט באַקומען פֿון אַן אָפּגעשטאָרבענער רעליגיעזער

קולטור, פון לעגענדאַרע באָבע־מעשיות. ניט בלויז אין חלום נעמט אויף בנימין דאָס קעלבל פאַר אַ רב, נאָר אויך אַפן וואָר נעמט ער אויף דעם פויער פאַר אַ גזלן, דעם צוויט אַף דער טייך פּיאַטיגנילעווקע — פאַר אַ משונה גרויסן ים־פיש, וועגן וועלכן ס'איז פאַראַן אַ שיינער שמועס אין דעם ספר „צל עולם", די שאָטנס פון די וועשערנס אין וואַסער — פאַר ים־ווייבער, זיך אַליין — פאַר אַלעקסאַנדער מוקדן פון זיין צייט. צו אַזוינע פיגורן, ווי די בנימינס, קען זיין אַ צווייערלייאיקע באַציאונג. אַ רעאַקציאָנער ראָמאַנ־טישער דיכטער קען אָט די געשטאַלטן אידעאַליזירן, ער קען אויסמאָלן זייער אָפּגעשטאַנענקייט אין פאַרבן פון אידעאַליסטישן מסירת־נפש. אַזוי האָט עס טאַקע געטאָן שפּעטער פּרץ אין זיין רעאַקציאָנערן פּעריאָד. ער האָט די אַלע פיגורן אידעאַליזירט אין דער געשטאַלט פון פאַרשיידענע סאַטיעס און אברהמל באַסן, שלמהס און שמערל וואַסערטרעגערס. זיי וועלן ווערן בײַ אים דער סימבאָל פון עם פּינטעלע איד. מענדעלעס שפּעטערישער מעטאָד איז פּראָ־גרעסיווער. ער דעקט אויף דאָס קאָמישע אין די בנימינס, טאָלצעס און טריינעס און אויפדעקנדיק דאָס אַף אַ סאַטירישן אופן, דעקט ער אויף זייער תוך. מענדעלעס שפּעטערישער מעטאָד פאַרקריפּלט ניט דיווירקלעכקייט, פאַרקערט, ער אַנטבלויזט זי ביזן גרונט. מענדעלע באַווייזט, ווי דער קעגנ־זאַץ צווישן מיטלאַלטער, אין וועלכן עס שטעקן אָט די בנימינס, מיט דער נייער צייט, מיט דער נייער ווירקלעכקייט, איז דער קוואַל פון ליידן פאַר די בנימינס און סענדערלעך; ער באַווייזט, ווי פאַר זייער אָפּגעריסנקייט פונעם לעבן, פאַר זייער אָפּגעשטאַנענקייט ווערן זיי באַשטראָפט אַף יעדן טריט און שריט, ביז זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון די צווי כאַפּערס, וועלכע זיי נעמען אויף פאַר שיינע כשרע אידן.

2. דורך פּאַראָדיע. די פּאַראָדיע איז אין „מסעות" אַ צווייערלייאיקע: אַן אינהאַלטלעכע און אַ שפּראַכלעכע. די העלדן, וואָס טרוימען וועגן גרויסע מעשים, וועגן אויסלייזן די אידן — גייען אין דער ווירקלעכקייט אַרום איבער די הייזער, ציטערן פאַר זייערע ווייבער, פרעגן בײַ אַ פּויער „קודי דאָראָגאַ אַף ארץ־ישראל", ווערן אַנטציקט פון דער פּיאַטיגנילעווקע, פירן זיך אויף אין דער גרויסער שטאָט ווי סאַמע קליינשטעטלדיקע בטלנים. די דאָזיקע אינ־האַלטלעכע פּאַראָדיע (דער „הויכער גאַנג", די הויכע פּאַטעטישע העראָאיק ווערט פאַרוואַנדלט אין איר קעגנזאַץ) ווערט פאַרשטאַרקט דורך גלענצנדיקע שפּראַכלעכע פּאַראָדיעס. די פּאַראָדיע הייבט זיך אָן גלייך אין דער הקדמה און ציט זיך איבערן גאַנצן ווערק.

מענדעלע הייבט אָן בנימינס וועג מיט אַ פּאַטעטישער נאַטור־שילדערונג און גייט גלייך אַריבער אַף פּאַראָדיע. די פּאַראָדיע ווערט דאָ דערגרייכט ניט בלויז דורך קעגנשטעלן בנימינס ווירקלעכקייט צו דעם שיינעם באַגינען, נאָר אויך דורך באַנוצן אַרכאַאיש־פּייערלעכע ביבלישע פראַזעס, וואָס רופן אַרויס קאָמיזם מיט זייער אָנווענדונג צו אונדזערע נישטיקע פאַרשווינען. דער פּאַראָ־דירטער ביבלישער סטיל מיט דער לעקסיק פון רבנישע ספרים און בטלנישע

פאַרטײַטשונגען איז אײנער פון די פאַרשפּרײטסטע סאַטירישע מיטלען אין „מסעות". מיטן דאָזיקן סטיל האָט ער געשטעלט פאַר זיך אַ ציל ניט בלויז אויפצורייסן די אַרכאַאישע בינימינס, נאָר אויך דעם אַרכאַאישן סטיל פון דער אידישער רעליגיעזער ליטעראַטור און פון די שריפטן פון דער העברייאישער השכלה. דעם פּאַראָדיע־ציל דערגרײכט מענדעלע אויך דורך פאַרגלײכנדיקע אײנפאַלן און באַנוצן ציטאַטן פון בנימינס ספר מיט זײער ספּעציפישער טערמינאָלאָגיע און אַרכאַאישע װערטלעך: „פּיפּערנאָטער", „לינדנװאָרעם" א. אַז. װ. די נעמען פון די קאַפּיטלעך („הורא, רױטע אידעלעך!", „חידושים ונפלאות אַף דער פּיאַטיגנילעװקע") זײנען אַן אָרגאַנישער טײל פון דער מערקװירדיקער פּאַראָדיע אָפּן אָפּגײענדיקן און אונטערגײענדיקן מיטלאַלטער, פון דער פּאַראָדיע, װאָס האָט אַזױ אָנרחמנותדיק פאַרמשפּט אי דעם טונעיאַדעװקער־גלופּסקער לעבן־סדר אי זײער רבנישע ספרים־קולטור.

„מסעות" האָט מענדעלע אָנגעשריבן, אָן שום ספק, אונטער דער װירקונג פונעם שפּאַנישן שרײבער סערװאַנטעסעס „דאָן־קיכאָט". אין „דאָן־קיכאָט" איז פאַראַן דאָס פּאָרל דאָן־קיכאָט און סאַנטשאָ פּאַנסאַ, װאָס לאָזט זיך אויך אַװעק אין דער װעלט זוכן זײערע חלומות. אויך דאָן קיכאָט נעמט אויף די װעלט לויט די פאַרשטעלונגען און באַגריפן, װאָס ער האָט באַקומען פון אַן אָפּגעשטאָרבענער לעגענדאַרישער ספרים־קולטור, פון די אָנצאָליקע ריטער־ראָמאַנען מיט זײערע װילדע מעשיות און אַװאַנטורעס. אויך ער באַקומט איבער דעם אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה.

די װירקונג פון סערװאַנטעסן אַף מענדעלען, װאָס איז אָפּגעטײלט פון אים מיט אַ היפּשן צײט־אָפּשטאַנד („דאָן־קיכאָט" איז דערשינען אין יאָר 1603, „מסעות" — אין 1878) איז אַ גאַנץ געזעצלעכע. זי איז באַדינגט דורך דער ענלעכקײט פון היסטאָרישער סיטואַציע און פון די פּאָליטישע אויפגאַבעס, װאָס זײנען געשטאַנען פאַר בײדע שרײבער. סערװאַנטעס האָט געשריבן זײן ראָמאַן אַף דער גרענעץ פון צװײ עפּאָכעס, אַף דער גרענעץ פון פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. אין לעצטן סך־הכל איז סערװאַנטעס געװען דער פּראָגרעסיװער שרײבער פון די נײע אויפקומענדיקע בורזשואַזע שיכטן. זײן סאַטירע האָט בײז אויסגעלאַכט די מענטשלעכע רעשטן פון דער פעאָדאַלער פאָרמאַציע, װאָס לעבן נאָך מיט אַלטע באַגריפן און פאַרשטעלונגען און װילן מיט געװאַלד זײ אײנהאַלטן און נאָך באַנײען. סערװאַנטעס האָט אויפגעדעקט זײער גאַנצער פאַרמשפּטקײט און לעכערלעכקײט, און דערמיט געהאָלפן צו רואינירן די פאַרהאַסטע, אָפּגײענדיקע װעלט. ער האָט גערופן צו רעאַליזם און ניכטערקײט. דאָן־קיכאָט איז געװאָרן אַ פאַראַלגעמײנערונג פון אַ מענטשן, װאָס האַנדלט, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער װירקלעכקײט, װאָס װיל דרײען אַף צוריק די ראָד פון געשיכטע און איז פאַרװיגט אין רעאַקציאָנערע אוטאָפּיעס.

סערװאַנטעסעס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טענדענץ האָט נאָך אין 19טן יאָרהונדערט געקאָנט זײן אַקטועל אין רוסלאַנד, װאו דער מיטלאַלטער האָט

זיך לענגער געהאלטן, איידער אין מערב־איירָאפּע. פּונקט ווי פאר סערוואנטעסן, אזוי איז אויך פאר מענדעלען געשטאנען די אויפגאבע אונטערצורייסן דעם פעאדאלן שטייגער אין דער אידישער סביבה. אף אָט דעם באָדן איז פאָרגעקומען די ליטעראַרישע באַווירקונג פון מענדעלען דורך סערוואנטעסן, וועלכע באַשטעטיקט די גזעצמעסיקייט, וואָס הערשט אינעם גאנג פון ליטעראַרישע איינפלוסן און ווירקונגען. דער קער צו דער דאָן־קיכאָט־געשטאַלט אין דער אידישער ליטעראַטור איז ענג פאַרבונדן מיט דער דעמאָלטיקער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אידישער סביבה, וואָס האָט איבער א גאנצער ריי אומשטאנדן ארויסגעגעבן פון זיך אָן א שיר פּאקטישע דאָן־קיכאָטס, אַלערליי אויסלייזער, פאַלשע משיחים.

„סענדערל די אידענע"
(זוסקין, אַרטיסט פון סאָוועטן־פאַר־באַנד, אין דער ראָל אין מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאַטער).

צוזאמען מיט די אָנגעוויזענע ענלעכקייטן זיינען אָבער צווישן „דאָן־קיכאָט" און „מסעות" פאראַן אויך וועזנטלעכע אונטערשיידן. דער גרעסטער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס מענדעלע האָט ניט באַשאַפן קיין סאנטשאָ־פאנסא געשטאַלט. סאנטשאָ־פאנסא געהערט צו אַן אַנדער קלאַס, ווי דאָן־קיכאָט — צום אויפקומענדיקן „דריטן שטאַנד", און ער איז בא סערוואנטעסן מאַקע קעגנגעשטעלט צו דאָן־קיכאָטן מיט זיין (סאנטשאָ־פאנסאס) רעאַליזם, ניכטערקייט, אויפנעמען דערשיינונגען אין זייער ווירקלעכער געשטאַלט. סענדערל איז אָבער אין מענדעלעס שילדערונג אויך א מין בנימין, ער פאַרמאָגט אין „מסעות" די זעלביקע לעבן־דערפאַרונג און לעבן־

פּראַקטיק, ער איז בלויז „אַ מענטש אָן חכמות״, וואָס ווייסט וויניקער אין די שוואַרצע פינטעלעך, ווי בנימין.

דער דאָזיקער וועזנטלעכער אונטערשייד איז צו דערקלערן מיט דער זעלביקער סביבה, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם עלעגישן טאָן, דעם פּעסימיזם אין דער „קליאַטשע״. מענדעלע האָט שוין ניט געקענט האָבן די זעלביקע סאָציאַלע מונטערקייט, וואָס סערוואַנטעס. מענדעלען איז דאָך אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף קעגן פאַרצויגענעם מיטלאַלטער, בשעת די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אין וועלט־מאַסשטאַב האָט שוין אַנטבלויזט אַלע אירע אינערלעכע און אויסערלעכע ווידערשפּרוכן, בשעת גרויסע מאַסן פונעם קליינבירגערטום אין רוסלאַנד האָבן גענומען פילן אויף זייער אייגענער הויט דעם אמתן באַטייט פון די גליקן פונעם קאַפּיטאַליזם. מענדעלע האָט שוין ניט געקענט באַשאַפן זיין פּאָזיטיוון סאַנטשאָ־פּאַנסאַ, ער האָט דעריבער ניט פאַרענדיקט די לעבן־געשיכטע פון זיין דאָן־קיכאָט, ער האָט זי געלאָזן אינמיטן. מענדעלע האָט ניט געבראַכט בנימינען צו חרטה, פאַרקערט, ער האָט אַפילו פאַרגעשטעלט זיין דאָן־קיכאָט מיט אַ געוויסער צעצווייטקייט. פון איין זייט, איז ער בײַ אים די פאַרקערפּערונג פון אַן אַנאַכראָנישער אָפּגעלעבטער קולטור, פון דער צווייטער זייט, איז ער דער איינציקער בונטאַר, אומצופרידענער אין די פאַרשלאָפענע טונעיאַדעווקעס. אינעם ווערק גייט דורך אַ דינער — אמת, ביז גאָר אַ דינער און וויניק דורכזיכטיקער — הויך פון פאָלקישן מיט־לייד און סימפּאַטיע צו בנימינען און סענדערלען. באַזונדערס זעען מיר עס אין די לעצטע קאַפּיטלען, וואו מענדעלעס פּיינטשאַפט טראָגט זיך איבער אינגאַנצן אויף די „שיינע אידן״.

די „מסעות״־סאַטירע איז, אַזוי־אַרום, געבליבן אויסזיכטלאָזיק, אָן אַ פּאָזיטיווער פּראָגראַם. דאָס פאַרמינערט אָבער ניט דעם ווערט פון „מסעות״, וואָס איז אין גרונט דאָס שאַרפסטע אַנטי־פעאָדאַלע ווערק, וואָס איז פאַראַן אין דער אידישער קלאַסישער ליטעראַטור.

מענדעלעס וואַקלדיקייט אַפילו אינעם סאַמע ראַדיקאַלסטן פּעריאָד פון זיין שאַפן איז צו זען אויך אין דעם פאַקט, וואָס אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער האָט געשריבן און געדרוקט זיין „קליאַטשע״ און „מסעות״, האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אַזוינע אויסגעשפּראָכן רעליגיעזע ווערק, ווי די איבער־זעצונג פון די רעליגיעזע שבתדיקע „זמירות״ און פון דעם רעליגיעזן „פּרק שירה״. דער זעלביקער מענדעלע, וואָס האָט אין זיינע גרונט־ווערק פון די 60—70־ער יאָרן אָנרחמנותדיק אַרונטערגעריסן די פּאַראַזיטישע שיכטן מיט זייער אידישקייט, האָט מיט זיינע איבערזעצונגען אַליין מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן אין די מאַסן אָט די אידישקייט, און דאָס איז געווען נאָך געפערלעכער דערמיט, וואָס די דאָזיקע אידישקייט איז בײַ אים צונגעפּראַוועט בלומרשט מיט חכמה און נאַטור־וויסנשאַפט. חוץ דעם זיינען די איבער־זעצונגען אָנגעפּיקעוועט מיט עכטן קלעריקאַליזם, נאַציאָנאַליזם און מאָנאַרכיזם.

7

אין די יאָרן 1879—1880 האָט זיך מענדעלעס מאַטעריעלע לאַגע אַף אַזויפיל פאַרערגערט, אַז ער האָט געמוזט אָנקומען צו שטיצע פון אַ בורזשואַזן מעצענאַט (דער באַראָן האַראַצי גינזבורג פלעגט אים אַריינשיקן אַלע חודש אַ געוויסע סומע געלט). אין משך פון די לעצטע 70־ער יאָרן האָט מענדעלע נאָך עטלעכע מאָל געמאַכט פּרוּוון צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער צאַרישער רעגירונג אַף אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אַף אידיש, אָבער אָן דערפאָלג. אין יאָר 1881 האָט מענדעלע פאַרלאָזט זשיטאָמיר און זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער האָט געקראָגן די שטעלע פון אַ פאַרוואַלטער אין דער רעפאָר־מיסטישער תלמוד־תורה. אין אָדעס איז שוין מענדעלע פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אָדעס איז, ווי באַוואוסט, געווען אַן ערשט־גראַדיקער עקאָנאָמישער און קולטורעלער צענטער פון דער ניי־אויפגעקומענער אידישער בורזשואַזיע און פון דער בורזשואַזער השכלה. אין משך פון די 60־ער יאָרן איז אין אָדעס אַרויסגעגאַנגען אַ ריי זשורנאַלן אַף רוסיש, העברייאיש, אידיש, אין וועלכע די ניי־אויפגעקומענע בורזשואַזיע האָט פאַרשפּרייט אירע אידייען [די רוסישע: „ראַסוועט" (1860־61), „סיאָן" (1861־62), „דיען" (1869־1871), דער העברייאישער „המליץ" (אָנגעהויבן פון 1860), דער אידישער „קול־מבשר" (1862־1872)]. קיין אָדעס איז געלאָפן יעדער איינער, וואָס האָט געשטרעבט צו בילדונג. בא די פּראָווינציעלע משכּילישע בונטאַרן האָט אָדעס געשמט ווי אַ צענטער פון בילדונג, פון אויפקלערונג, פון מענטשלעכקייט. פאַרקערט, בא די אָפּגעשטאַנענע קאָנסערוואַטיווע שיכטן איז געווען פאַר־שפּרייט אַ שפּריכוואָרט: „פערציק וויערסט אַרום אָדעס ברענט דער גיהנום." ניט זעלטן אָבער פלעגט אַ פאַרצווייפלטער קליינבירגערלעכער משכיל, וואָס איז געקומען אַ באַגייסטערטער קיין אָדעס, דערפילן דעם ביטערן טעם פון קאַמף פאַרן לעבן אין דער רוישיקער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט און פלעגט פאַרשעלטן די דאָזיקע שטאָט (לינעצקי).

דער אָדעסער פּעריאָד פון מענדעלעס שאַפן פאַלט צונויף מיטן פינצטערן פּעריאָד פון דער צאַריש־פּאָליציייאישער רעאַקציע, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין רוסלאַנד אין די 80־ער יאָרן, אין די יאָרן, ווען גרויסע טיילן פון דער ראַדיקאַלער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פון די אידייען פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין יאוש און אַפּאַטיע אָדער אין קאַריעריזם. אין די צווישן־נאַציאָנאַלע באַציאונגען האָט זיך די פּאָליטישע רעאַקציע אויסגעדריקט אין דער אומגעהייער פאַרשטאַרקטער אונטערדריקונג מצד דעם צאַריזם בנוגע די ניט־רוסישע נאַציעס (אוקראַינער, ווייסרוסן, אידן א. אַנד.), ספּעציעל אין דער פאַרשטאַרקונג פונעם אַנטיסעמיטיזם, אין דער אָרגאַניזאַציע פון אידישע פּאָגראָמען (אין די ערשטע 80־ער יאָרן זיינען אין אַ סך שטעט און

שטעטלעך פון אוקראַינע פּאָרגעקומען פּאָגראָמען אַף אידן). אָנשטאָט צו פירן אַ קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג־פּאָליטיק פונעם צאַריזם, איז די בורזשואַזיע פון די אונטערדריקטע פעלקער געגאַנגען אַף הנחות בנוגע אים, אַף שקלאַפּערישער אונטערלעקעריי. אין דער אידישער סביבה האָט עס זיך אויסגעדריקט, צווישן איבעריקן, אויך אינעם אויפקום פון דער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער „חיבת־ציון"־אידייע — דער אידייע צו גרינדן אין פּאַלעס־טינע באַלעגופישע קאָלאָניעס מיטן ציל אָפּצוציען די מאַסן פונעם קאַמף קעגן דעם צאַריזם. אייניקע קליינבירגערלעכע שיכטן האָבן זיך געלאָזט אַף דער חיבת־ציון־ווענטקע. קליינבירגערלעכע משכילים זיינען געוואָרן פאַר־ברענטע נאַציאָנאַליסטן און חובבי־ציון. אין אָדעס איז געווען דער שטאַב פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג אין דער שפּיץ מיט איר פירער דר. לעאָ פינסקער. קיין אָדעס פלעגן שוין איצט, ווי פריער משכילים, זיך לאָזן צענד־ליקער און הונדערטער פּראָווינציעלע קליינבירגער אַפן וועג פון זוכן אַ נחלה אין פּאַלעסטינע.

ווי איז געווען מענדעלעס פּאָזיציע אין דער דאָזיקער צייט פון בראַך און איבערבראַך בא אַ גרויסן טייל בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ?

אָן דער חיבת־ציון־באַוועגונג האָט זיך מענדעלע ניט אָנגעשלאָסן. אין אָן אויסגעצייכנטער סאַטירע האָט שפּעטער דער אויטאָר פון „מסעות" אויפ־געדעקט דאָס טראַגי־קאָמישע פּנים פון די נייע חיבת־ציונדיקע בנימינס. אין דער נאָוועלע „אין אַ שטורעמצייט" האָט מענדעלע געשילדערט, ווי ליב דער מלמד און מענדעלע מוכר־ספרימניק, בא וועמען די פּרנסות זיינען אין די 80־ער יאָרן געוואָרן מוראדיק געשלאָגן, האָבן זיך געלאָזט קיין אָדעס בעטן אַ נחלה אין ארץ־ישראל און אָנהייבן דאָרטן „צו לעבן אין עושר און אין כבוד". מיט אַנטוישונג האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין גלופּסק, צוריק צו די אַלטע פּרנסות.

די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם האָט אָבער מענדעלען באַשעפטיקט, און ער ווייזט אַרויס אין דעם געביט וואַקלענישן צווישן די צוויי פליגלען פון דער בורזשואַזיע: צווישן דעם ליבעראַל־בורזשואַזן רוסיפיקאַטאָרישן פליגל און דעם אידישן־נאַציאָנאַליסטישן פליגל. ער אַרבעט איבער אַף אידיש לעאָ פינסקערס „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע" (אַ בראָשור, וואו פינסקער האָט אַרויס־געשטעלט דעם געדאַנק, אַז דער איינציקער אויסוועג צו לייזן די אידן־פראַגע איז אַן אייגן לאַנד) און עס אַ נאָמען געגעבן „אַ סגולה צו אידישע צרות". אין דער זעלביקער צייט דריקט ער אויס אויך אַנדערע ליבעראַל־בורזשואַזע שטימונגען, אַז „דאָס לאַנד (רוסלאַנד), אין וועלכן מיר זיינען געבוירן, אַר־בעטן און וועלן שטאַרבן, איז אונדזער פּאָטערלאַנד". מענדעלעס וואַקלונגען שפּיגלען זיך אָפּ אפילו אין דער באַציאונג צו העברייאיש. אין די 80־ער יאָרן קערט זיך אום מענדעלע נאָך אַ לאַנגן איבעררייס צוריק צו העברייאיש, פאַר־זעצנדיק גלייכצייטיק צו שרייבן אין אידיש.

די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע שטימונגען מענדעלעס פֿאַלן צונויף מיט זיינע פּערזענלעכע שטימונגען. אין אָדעס איז מענדעלע שוין געווען ווי ס'ניט איז מאַטעריעל באַזאָרגט, דערפֿאַר אָבער איז ער געוואָרן אַ שקלאַף בײַ די אָדעסער מאָדערנע בורזשואַזע גבאים. אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון דער תלמוד־תורה האָט ער געהאַט צו טאָן מיט די דאָזיקע מאָדערניזירטע „אויפגעקלערטע" פֿיינע בריאות, וואָס פֿלעגן קומען מיט אַ ברייטער דעה, זיך האַלטן פֿאַר גרויסע מבינים און אַריינמישן זיך אין יעטווידער קלייניקייט.

ניט אומזיסט האָט אים אָנגעהויבן ציען קיין „באַרדיטשעוו". אין אַ בריוו פֿון יאָר 1886 שרייבט מענדעלע: „מיין מוזע געפֿינט זיך ניט אין אָדעס, נאָר דאָרט, אויף די ברעגעס פֿון גנילאָפּיאַטקע (בערדיטשעוו) און טעטערעוו (זשיטאָמיר). אַ העלפֿט פֿון מיין רייכטום פֿאַר איין בערדיטשעווער אידן!" אויף זיין שאַפֿן הייבט ער אָן קוקן, ווי אויף אַ מין שיכרות, וואָס העלפֿט אים צו פֿאַרגעסן זיך אין דערווירקלעכקייט. די דאָזיקע פֿאַרלוירנקייט מענדעלעס, זיין וואַקלעניש האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין שאַפֿן פֿון די 80־ער יאָרן.

אויך אין זיין שאַפֿן פֿון די 80־ער יאָרן פֿאַרבלייבט מענדעלע אין אַ גרויסער מאָס אויף די פּאָזיציעס פֿון דער קליינבירגערלעך־משכילישער אידעאָלאָגיע מיט אַלע אירע פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע טענדענצן. די דראַמע „דער פּריזיוו", וואָס מענדעלע האָט דאַן אָנגעשריבן נאָך אַ לאַנגן איבעררייס, איז אין גרונט אַ משכילישע אַנטי־פּעאָדאַלע דראַמע, אַ מין וואַריאַנט פֿון דער „טאַקסע". ווידעראַמאָל האָבן מיר דאָ די נגידישע בעל־טובהס, וואָס רייבן זיך אַרום דער טאַקסע, די אומגערעכטיקייט מצד דעם קהל בײַם פּריזיוו, דעם קליינבירגערלעכן משכיל אַלעקסאַנדער, וואָס קלייבט זיך באַגליקן דאָס פֿאָלק ישראל מיט זיינע אויפטועכצן אַלס קאַזיאָנער רב, דעם פֿאָלק־מענטשן זלמן קריסטאַל, אַ מין וואַריאַנט פֿון אייזיק זאַאיקע, וואָס קריטיקירט די קהלשע מעשים, די קינדער פֿון דער אָרעמשאַפֿט, אַלעקסאַנדער און הערשעלע, וואָס אין רעזולטאַט פֿון די קהלשע מאַכינאַציעס ווערן זיי אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן (אין דער צייט, ווען יוחנצע דעם קהל־מענטשס זון ווערט באַפֿרייט), און עס ווערט צעשטערט די יונגע ליבע צווישן אַלקעסאַנדערן מיט רחלען.

דערפֿאַר טאַקע, וואָס מענדעלע איז אין „פּריזיוו" פֿאַרבליבן אין אַ גרויסער מאָס אויף זיינע אַנטי־פּעאָדאַלע פּאָזיציעס, האָבן מיר אין אָט דעם ווערק אַ ריי קרעפֿטיק־געשילדערטע וואָרהאַפֿטיקע געשטאַלטן פֿון דער פּאַראַזיטיש־מיטלאַלטערלעכער שיכט און פֿון אירע באַדינער, ווי ר' יוחנצע דער רב, זיין זון כאַצקעלע, עפּעס אַ מאַכער אין קהל, פּייוויש דער שדכן, די קאָלעקטיווע נגידים־געשטאַלט. פֿאַרקערט, די פּאָזיטיווע געשטאַלטן זיינען איבער אַ ריי ליבעראַל־משכילישע אילוזיעס, וואָס מענדעלע האָט זיך ניט געקענט באַפֿרייען פֿון זיי, אַרויסגעקומען זיסלעך־פֿריקרע. מענדעלע האָט ניט געזען די רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטן, וואָס קענען אויפהייבן דעם קאַמף קעגן דער קהל־באַנדע. אויפֿן „פּריזיוו" לויערט דערום מאַכטלאָזיקייט און

אויסזיכטלאָזיקייט.

די רעאַקציאָנערע ווירקונג פון די 80־ער יאָרן איז צו זען אין דער רעאַביליטאַציע פונעם „בעל־טאַקסע״. אינעם „פּריזיוו״ האָט מענדעלע דורכגעפירט די אידייע, אַז ניט דער „בעל־טאַקע איז שולדיק, נאָר אויסשליסלעך די נגידים־בעל־טובהס, וואָס מאַכן אַף אים אַ דרוק. דער „בעל־טאַקסע״ און זיין משפחה ווערן אין „פּריזיוו״ אידעאַליזירט.

8

די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון מענדעלעס אידעאָלאָגיע אין די 80־ער יאָרן זיינען באַזונדער שאַרף געקומען צום אויסדרוק אין דעם איבערגעאַרבעטן און פאַרגרעסערטן וואַריאַנט פון „פישקע דער קרומער״ (1888), וואָס געהערט — צוזאַמען מיט „מסעות״ — צו די קינסטלעריש רייפסטע ווערק מענדעלעס.

מענדעלע (דער אויטאָר) זאָגט וועגן זיך אין דער ווידמונג צו מנשה מאַרגוליס, אַז זיין קינסטלערישער אָביעקט איז די טאָרבע, ד פאַרשיידענע מינים טאָרבעס, טאָרבעס פּאַראַזיטישע פון נידעריקע מענטשעלעך און טאָרבעס אומגליקלעכע פון אביונים, קבצנים. די טאָרבע — דאָס איז די פּראָבלעם פונעם פאַרקריפּלטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן זיין פון דער אידישער מאַסע אין קלעם פון דער צאַריש־פּאָליצייאישער מלוכה און פון אירע אַגענטן צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין געשטאַלט פון פאַרשיידענע — סיי אויפגעקלערטע, סיי ניט־אויפגעקלערטע בעל־טובהס; די טאָרבע — דאָס איז אַלטער און מענדעלע מיט זייערע גלופּסקער געשעפטן, בייטענישן, שידוכים; דער צעבראָכענער געמיט פונעם קליינבירגער אין די פינצטערע 80־ער יאָרן קומט צום אויסדרוק אין מענדעלעס איבערלעבענישן אין דער נאַכט, ווען מע האָט אים אָפּגעשווירן די פאה; די טאָרבע — דאָס זיינען די עכטע רעאַל־קינסטלערישע פישקע דער קרומער און די האָרבאַטע יתומה מיט זייערע יסורים און פּיין, וואָס זיי שטייען אוים פונעם רויטן ממזר פייוויש. אָט די דאָזיקע טאָרבע, וואָס מענדעלע האָט מיט איר אָנגעהויבן זיין קינסטלעריש שאַפן אין די 60־ער יאָרן (אין „קליין מענטשעלע״ און אין „טאַקסע״) און האָט זי דערנאָך אין די 70־ער יאָרן (אין „די קליאַטשע״ און „מסעות״) אויסגעלייטערט אונטער דער ווירקונג פון די ראַדיקאַלע אידייען, האָט ער איצט אין „פישקע״ אויסגעדריקט אין בלוטפולע רעאַל־קינסטלערישע געשטאַלטן.

די קאָמפּאָזיציאָנעלע פאָרם פון „ניי־פישקע״ איז געבליבן די זעלביקע, ווי אין „אַלט־פישקע״, נעמלעך, באַהעפטונג פון דער ראַם־נאָוועלע (מענדעלע און אַלטער) מיט דער מעשה־נאָוועלע (פישקעס געשיכטע); די פונקציעס פון דער ראַם־נאָוועלע זיינען שוין אָבער איצט פאַרברייטערט געוואָרן. אויסער דער שטרעבונג צו געבן דעם אַדרעסאַט — די גרופּע, אַף וועלכער דער שרייבער וויל דירעקט ווירקן (מענדעלע איז דער אַגיטאַטאָר בנוגע דער אַלטער־שיכט, איר וועקער און אויפרודערער) איז דאָ די פונקציע פון דער

באַראַמונג צו געבן פאַר דער שמאָלער טאָרבע־מעשׂה — אַ פאַרברייטערטע טאָרבע־פאַן. דאָס דערגרייכט מענדעלע מיט זיינע אַריינשטעלונגען און קריטיש־פובליציסטישע אָפּוועגדונגען.

ווי אַזוי האָט אָבער מענדעלע געוואָלט לייזן די טאָרבע־פּראָבלעם? דאָ זעען מיר זיין גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט, די גאַנצע פאַרלוירנקייט זיינע, וואָס מיר האָבן שוין פריער אָפּגעמערקט. קיין נייע אויפריכטנדיקע קרעפטן זעט ניט מענדעלע. דאָ איז ער „אימשטאַנד בלויז, אַזוי ווי ירמיהו צו באַוויינען די ליידן, אונטערטעניק אויפנעמען דעם חלק צרות פון זיין פאָלק". דאָ ווערט מענדעלע, ווי ער זאָגט אין דער ווידמונג, אַן אויסזיכטלאָזיקער מרה־שחורהניק, וואָרים די האָפענונגען, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אַף דער בורזשואַזער „וועסנע", זיינען שוין לאַנג אַוועק — די משכּילישע אילוזיעס זיינען שוין לאַנג אויסגערונען, די געשעענישן אין די 80־ער יאָרן האָבן זיי ענדגילטיק פאַרניכטעט. די בורזשואַזע ציוויליזאַציע האָט אים שוין באַוויזן איר אויפגעדעקט מיאוס פּנים, און די רעוואָלוציאָנערע כּחות, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן יוירן אין די טיפּעניש פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין די 80־ער יאָרן, זעט ניט מענדעלע. פון פאַרלוירנקייט און אויסזיכטלאָזקייט שטאַמט אויך די ראָמאַנטיש־אַוואַנטוריסטישע קאָמפּאָזיציע פון „פישקע" (דאָס טרעפן זיך אין טינטערל מיט אַלטערן, מענדעלעס אַריינפאַלן אין פּאָליציי, די באַגעגעניש מיטן ממזר אַפן שפּאַציר, דאָס טרעפן די כאַליאַסטרע אין וואַלד, אַלטערס קרובהשאַפט מיט דער האַרבאַטער און אַ גאַנצע ריי אַנדערע מאָמענטן).

די ראָמאַנטישע עלעמענטן זיינען אָבער ניט די באַשטימענדיקע אין „פישקע". מענדעלע דריקט דאָ אויס דעם שטאַרקסטן ווידערגעפיל צו גלופּסק, פונוואַנען ער איז אַוועק מיט אַזויפיל פאַרביטערטקייט. אָדעם האָט ניט באַ מענדעלען קיין דעפינירנדיק־פיינטלעכן נאָמען, גלופּסק יאָ. גלופּסק איז טאַקע היימיש, טייער און ליב, גלופּסק איז אָבער שעדלעך — און מענדעלע רייסט אויף אין „פישקע" מיט אַ גרויסער קינסטלערישער קראַפט די גלופּסק־געשטאַלט. אמת, די האַנדלונג פונעם ראָמאַן קומט פאָר ניט אין גלופּסק, גלופּסק אָבער פיגורירט אין גאַנצן ראָמאַן, ווי אַ קוואַל פון דער „טאָרבע". מיר זעען און פילן גלופּסק מיט אירע קבצנים און פּאַראַזיטן, אָרעמעלייט און בעל־טובֿהס, כּלי־קודש און קהלס־לייט, מיט איר גאַנצן דלות און פאַראומערט לעבן. אין „פישקע" האָט מענדעלע אָפּגעלייקנט די מיטלאַלטערלעכע גלופּסק אין עקאָנאָמיק, שטייגער און קולטור.

ווי אין „מסעות", אַזוי ווערט אויך אין „פישקע" גלופּסק אָפּגעלייקנט דורך אַ סיסטעם פּאַראָדיעס, היפּערבאָליש־קאַריקאַטורישע סצענעס, דורך פובליציסטישע אַרויסזאָגונגען און שטעך־ווערטלעך, דורך צווידייטיקע וואונקען, באַזונדערס אין די טיילן, וואו מענדעלע רעדט וועגן זיך. דאָס דאָמינירנדיקע אין „פישקע" איז סוף־כּל־סוף דאָס אַנטי־פּעאַדאָלע, און דאָס האָט באַדינגט דעם סאַטיריש־רעאַליסטישן מעטאָד באַם שילדערן געשטאַלטן, סביבֿהס, באַציאונגען.

די פיגורן מענדעלע און אַלטער פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין דעם געשטאַלטן־אוצר פון דער קלאַסישער אידישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער געשיכטע פון די מנחם־מענדל־געשטאַלטן. מענדעלע און אַלטער געהערן צו איין סאָציאַלער שיכט. זייער סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע איז דערום ענלעך. זיי האָבן ענלעכע גענגעלעך אין „געשעפט" (הענדום־פּענדום־עסקים, קאָמבינאַציעס, בוידעמס, האַנדל־יצר־הרע און געשעפט צוליב געשעפט), אַן ענלעכע פּאַראַכטנדיקע באַציאונג צו פיזישער אַרבעט; ביידע זיינען זיי אָנגעשטעקט מיט דער ספּעציפישער „אתה־בחרתנו"־גאווה בנוגע אַנדערע פעלקער; ביידע שלעפּן זיי דעם יאָך פון אַן אָפּגעלעבטער קולטור, וואָס האַלט זיי אָפּ־געריסן פון דער נאַטור, דערשטיקט אין זיי די נאַטירלעכע מענטשלעכע געפילן און באַדערפעניש; ביידע זיינען אויסגעפּאַרמירט געוואָרן דורך דער דורות־דיקער פעאָדאַל־סוחרישער, רבנישער קולטור פונעם מיטלאַלטער. די ענלעכ־קייט זעט מען אַפילו אין זייער אָרט ריידן, זשעסטיקולירן (די סצענע בעתן צונויפשטויסן זיך אינעם „טינטערל"). ביידע האָבן זיי איינע און די זעלבע לעבן־חכמה אין דער באַציאונג איינער צום אַנדערן, באַם דערגיין עפּעס איינער באַם אַנדערן, ביידע רעדן בית־מדרשדיק מיט פּסוקים.

די דאָזיקע צוויי געשטאַלטן אונטערשיידן זיך אָבער אויך אין פיל הינזיכטן. מיט איין פּנים שטעלט מענדעלע פאַר דעם זעלביקן הענדלערישן קליינבירגער אַלטערן — דאָס איז דער מענדעלע, וואָס איז איינגאַנצן איינ־געוועבט אין דער מיטלאַלטערלעכער פעאָדאַל־סוחרישער קולטור. מיר האָבן אָבער אויך אַ צווייט מענדעלע־פּנים, אַ צווייטן מענדעלע, וואָס איז פול מיט אידעאָלאָגישער יווירונג, פאַרמאָגט אַן איראָניש־קריטישע באַציאונג אי צו אַלטערן אי צו זיין אייגענעם אַלטער־פּרצוף, אַ מענדעלע, וואָס פאַרטראַכט זיך וועגן דעם סוחריש־רבנישן אידנטום, זיינע פּאַראַנדקעס, זיינע זיטן און אויפפירונגען, זיינע פירערס און בעל־טובהס, זיינע פּאַרזאָרגער און פאַראַ־זיטן. דער צווייטער מענדעלע לעבט שוין איבער אַ געראַנגל צווישן זיין „אידישקייט" (ד. ה., דעם סכום סוחריש־רבנישע באַגריפן און טראַדיציעס) און „מענטשלעכקייט" (בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען און שטייגער־פאָרמעס), האָט ליב די נאַטור, דאָס לעבן בכלל, ער פאַרמאָגט אַ שטענדיק געלעכטערל, וואָס גראַבלט באַם האַרצן, אַ סאַטיריש־דעמאַסקירנדיקע שפּראַך, געווירצט מיט „נישט דאָס בין איך אויסן", סאַרקאַסטישע פאַרשפּיצטע מיינען, לומדיש־חריפותדיקע ווערטלעך. מענדעלע און אַלטער אונטערשיידן זיך אויך אויסערלעך. מענדעלע האָט אַ מער למדנישן אויסזען, ער איז רואיקער, מיושבדיקער, פּראַקטישער, געדאַנקלעכער; אַלטער איז פול מיט האַמעטנעם אימפּעט, איז מבולבלדיק, ער איז פיזיש שטאַרקער, ער „קען אַריין אין רציחה און געבן אַ רעכטן קלאַפּ". די דאָזיקע צוויי געשטאַלטן האָט אַבראַ־מאָוויטש אי פאַראייניקט, אי צעטיילט. מענדעלע ליגט אויך אין דעם זעלביקן איי, ווי אַלטער, אָבער ער פּיקט זיך שוין אויס פון דעם איי. מענדעלע איז די קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פונעם אומרו, וואָס האָט אָנגעהויבן יווירן

אין דער אומדיפערענצירטער אידישער מאַסע בעתן אַריינדרינגען פונעם קאַפּיטאַליזם.

אינעם אַרויסברענגען דאָס דאָזיקע גלענצנדיקע פּאָרל איז צו זען אויך די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין מענדעלע־אַבראַמאָוויטשעס וועלט־אָנשויאונג, די פּראָגרעסיווע טענדענצן, וואָס האָבן זיך באַ אים פאַרהיט אין אַ גרויסער מאָס אויך אין די 80־ער יאָרן. אַבראַמאָוויטשעס סאָציאַל־אידעאָלאָגישע באַגרענעצטקייט איז אָבער אויך שולדיק אין דעם, וואָס די מענדעלע־געשטאַלט איז ניט שטאַרק דערווייטערט פון דער אַלטער־געשטאַלט, וואָס זי פאַרמאָגט ניט קיין ברייטע סאָציאַלע האָריזאָנטן, קיין פּערספּעקטיוון און אויסוועגן. אַף מענדעלען לויערט תמיד די געפאַר צונויפצוגיסן זיך צוריק מיט אַלטערן:

ער לאַכט פון דאַווענען — און דאַוונט, ער לאַכט פון פאַסטן — און פאַסט.

ווידערשפּרעכלעך איז אין „פישקע דער קרומער” אויך דאָס געשטאַלטן־פּאָרל פישקע דער קרומער מיט ביילע דער האָרבאַטער. דער ראָמאַן צווישן זיי געהערט ביז איצט נאָך צום בעסטן, וואָס איז פאַראַן אין דער אידישער ליטעראַטור אַף דער טעמע ליבע. אויך דאָס דאָזיקע געשטאַלטן־פּאָרל איז אַ פּראָדוקט פון דעם, וואָס מענדעלע איז געווען באַווירקט פון עלעמענטן פון דער פאָלקיסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע האָבן אים געשטויסן צו זוכן אין די פיגורן פונעם געזעלשאַפטלעכן אונטערגרונט שיינע מענטשלעכע געפילן, אַ שטייגער, טריישאַפט, איבערגעגעבנקייט, אמתע ליבע, וואָס דערהייבט — דאָס אַלץ, וואָס ער האָט ניט געפונען באַ די פּאַראַזיטישע שיכטן. די פּסיכאָלאָגישע ליניע פון פישקעס איבערלעבונגען אין דער באַציאונג צו זיין ווייב און צו דער האָרבאַטער איז פאַנאַנדערגעוויקלט מערקווירדיק איבערצייגנדיק און מאָטיווירט. צוזאַמען דערמיט גייט אָבער באַ מענדעלען דאָס אידעאַליזירן און לאַקירן די דאָזיקע געשטאַלטן מיט זייער גאַנצער הכנעהדיקייט און פּאַסיווקייט, דאָס צופּוצן דעם קליינבירגערלעכן עלנט. כאַראַקטעריסטיש זיינען אויך: די בלינדע מיט איר געמאַכטער צניעות, פאַלשקייט, שלעכטקייט, פייווישקע דער רויטער ממזר מיט זיין ביטערקייט, חניפהדיקייט, אָנרחמנות־דיקער שלעכטקייט. ביז גאָר טיפּיש איז געשילדערט געוואָרן דאָס פּאָרל חיים־חנא און זיין ווייב חיה־טריינע, וואָס איז אַ וואַריאַנט פון סענדערל די אידענע און פון זיין ווייב.

אין „פישקע דער קרומער” האָט מענדעלע געגעבן אַ ריי גלענצנדיקע סאַטיריש־רעאַליסטישע שילדערונגען, וואָס זיינען אין דער ביז־אָקטאָבערדיקער אידישער ליטעראַטור ניט אַריבערגעשטיגן געוואָרן. צום ביישפּיל, די שילדערונג פון דער באָד, פון דער קרעטשמע, פונעם הקדש א. ד. גל. מענדעלעס נויגונג צו שילדערן אָטדי סביבה־פּייזאַזשן שטאַמט, פון איין זייט, פון זיין וועלן סאַטיריש אַרונטעררייסן אָט דעם לעבנשטייגער און, פון דער אַנדערער זייט, פון זיין דראַנג צו פאַרצייכענען פאַר דורות דאָס געוועזענע לעבן, וואָס פאַר־שווינדט, וואָס איז פאַרהאַסט און עס פאַרבלייבט דאָך מענדעלען צייטנווייז טייער. מענדעלעס סביבה־פּייזאַזשן זיינען מאַסנאַרטיק, אָנגעזעטיקט מיט

סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, שטימען מיט די סאַרקאַסטישע, אָפּט פאַרשפּיצטע ווינקעלנישן פון דער מענדעלע־פיגור אַף פאַרשיידענע סאָציאַלע דערשיינונגען אינעם לעבן פון די אידישע מאַסן (דאָס בילד בא דער קרעטשמע, אין דער קרעטשמע גופא, אין באָד). מענדעלע קאַרגט ניט קיין דעטאַלן, אָבער די דעטאַליזירונג איז ניט קיין פּראָטאָקאָלישע. די שילדערונג פון דער קרעטשמע אין „פישקע" איז א זעלטן פּלאַסטיש בילד, געגעבן אין א מערקווירדיקער פּערספּעקטיוו, דערוואַרעמט מיטן דערציילערס הומאָריסטישער באַציאונג.

„פישקע דער קרומער" איז אויך רייך מיט נאַטור־פּייזאַזשן — זומער־דיקע פעלדער, זומער באַטאָג, זומער באַנאַכט, און וואַלד באַנאַכט. מענדעלעס נאַטור־פּייזאַזש איז אַן אויסגעשפּראָכן רעאַליסטישער, און דערביי מאַכט ער חוזק איבער די משכּיליש־אידילישע נאַטור־שילדערונגען. אין דער שילדערונג פונעם זומער־באַטאָג איז די היץ אַזא ממשותדיקע, אַז מע קען זי ממש אָנ־טאַפּן מיט די הענט. דערגרייכט האָט צו דעם מענדעלע מיטן שילדערן דעם זעלבסטגעפיל פון אַלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן אין דעם דאָזיקן זומער־באַטאָג — בהמות, פויגלען, מענטשן. אין איין אויסטערליש ריטמיש־האַרמאָניש בילד פון מידער פאַרשמאַכטקייט זיינען דאָ צונויפגעגאָסן גע־וויקסן, בעלי־חיים, מענטשן, און דאָס פאַרקריצט זיך טיף אין אונדזער זכרון. דאָס זעלבע ריטמיש־האַרמאָנישע בילד, נאָר פון אַן אַנדער שניט, איז די שילדערונג פונעם פאַרנאַכט. געוויקסן, בעלי־חיים, מענטשן גיסן זיך צונויף אין איין האַרמאָנישן דראַנג צו געניסן פונעם לעבן. מענדעלעס ליבשאַפט צו שילדערן דעם נאַטור־פּייזאַזש שטאַמט פון זיין ווידערגעפיל אי צו „גלופּסק", אי צו „אָדעס" — אי צום פעאָדאַליזם, אי צום קאַפּיטאַליזם. אין דער נאַטור זוכט ער א טרייסט פאַר זיין פאַרביטערט האַרץ. די נאַטור האָט אַלעמאָל בא מענדעלען א יום־טובדיק־פייערלעך אויסזען. פּונקט ווי די סביבה־שילדערונגען, זיינען אָבער אויך די נאַטור־פּייזאַזשן אין „פישקע" צוגעפּאַסט צום גדאַנקענגאַנג פון מענדעלען דעם פּערסאָנאַזש מיט די ווינקעלנישן און אָנצוהערענישן. די שפּיל־פויגלען זינגען זמירות, די בושלעס, די גוואַרדייצעס פאַרריסן די קעפּ, די ביימער שאָקלען זיך פרומלעך, איין פויגל טרייבט דעם צווייטן, און דער זשוק דער שיינעץ כאַפּט... גליך ווי די נאַטור פּערזאָני־פיצירט די מענטשן־סביבה, ווי ער שטעלט זיך זי פאָר. די נאַטור־עמפּינדונג איז דעריבער בא מענדעלען א פּאַסיוו־באַווירקטע, פּונקט ווי די פּערסאָנאַזשן זיינע גופא.

אין „פישקע" האָט מענדעלע געבראַכט צו פולקומקייט זיינע מעטאָדן פון שילדערן פּערסאָנאַזשן: דאָס סקולפּטוריש־פּלאַסטישע שילדערן דאָס אויסערלעכע אויסזען (חיים־חנא, חיה־טריינע, די מויד), די כאַראַקטעריסטישע טעטיקייט פון דעם אָדער יענעם גליד (אַלטערס באַזונדער מין ניסן, חיים־חנאס קייען מיט דער צונג א. אַז. וו.), דער אופן פון באַוועגן זיך און האַנדלען, טיפּישע מלבושים, דאָס אַרט ריידן (אַלטערס אימפּעטיקער פרעג־ענטפער־נוסח, זיין בסדרדיקע נישטמער־גאָרניט, חיים־חנאס אומגעלומפּערטע

איבערחזרונגען, חיה־טרייבעס אַלע־ווייליקן „העט אביסל" א. אז. וו.), דאָס אַרט פילן, דענקען און באַזונדער בא די געשטאַלטן פישקע—די האָרבאַטע. פישקע רעדט מיט מענדעלעס שפּראַך, מיר באַמערקן עס אָבער כמעט ניט, ווייל מיר זיינען פאַרנומען מיט זיינע איבערלעבונגען.

אין „פישקע דער קרומער" זעען מיר מענדעלען אין פולן גלאַנץ אַלס מייסטער פונעם פּאָעטישן פאַרגלייכן: „אין אַ ווינקל שטייט אַן איבער־געבליבענע שטיקל גלאָז, ווי דער איין־און־איינציקער צאָן בא אַ זקנה"; „אַ דעכל, מישטיינס־געזאָגט, ווי אַ צעקנייטשטע קאַפּעליושל", א. אז. וו. אינגאַנצן גענומען איז „פישקע" אויסגעהאַלטן אין אַ סאַטיריש־פּאַראָדישן סטיל, באַ־זונדערס אין דעם טייל, וואו מענדעלע דערציילט אַליין אָדער וואו ער מישט זיך אַריין אין פישקעס דערציילונג. אין „פישקע" שפּיגלען זיך אָפּ, ווי אין אַ ברענגלאָז, די בעסטע זייטן פון מענדעלעס קינסטלערישן טאַלאַנט.

די נאַציאָנאַליסטן פון די 80־ער יאָרן זיינען געווען אומצופרידן מיט „פישקע". אין אַ זאַמלבוך „דער קליינער וועקער" (1890) האָט דער נאַציאָ־נאַליסטישער רעצענזענט געפאָדערט פון מענדעלען, אַנשטאָט דעם קריטישן צוגאַנג צו דעם טאַרבע־שטייגער, אַן אידעאַליזירנדיק־ראָמאַנטישן אָפּיום אָף צו שטאַרקן דאָס פאַרכלינעטע הארץ פונעם צעבראָכענעם קליינבירגער.

לײדער האָט זיך מענדעלע צוגעהערט צו דער דאָזיקער רעצענזיע. באַלד נאָך „פישקע" האָט מענדעלע איבערגעאַרבעט זיין אַלט „ווינטשפינגערל" און האָט דערמיט אין אַ גרויסער מאָס באַפרידיקט די סאָציאַלע באַשטעלונג פונעם נאַציאָנאַליסטישן „קליינער וועקער" אָף ראָמאַנטיק און אידעאַליזאַציע.

9

אינעם זעלביקן יאָר (1888) האָט מענדעלע אָנגעהויבן איבעראַרבעטן אויך זיין צווייטע קליינע נאָוועלע פון די 60־ער יאָרן — „דאָס ווינטש־פינגערל" (פאַרענדיקט 1904).

מיטן איבערגעאַרבעטן „ווינטשפינגערל" האָט זיך מענדעלע געשטעלט גרויסע אויפגאַבעס. וועגן זיי האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען: „אונטער דעם נאָמען פון מיינס אַ גאַנץ אַלט קליין ספרל פון עטלעכע בלעטלעך האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אַ שפּאָגל נייעם ספר, אין וועלכן איך וויל אַרויסשטעלן דאָס אידישע לעבן און די וויכטיקסטע ענינים, וואָס קומען היינט בא אונדז פאָר. איך וויל שאַרף דערקלערן די אידישע לאַגע און אָנווייזן, וואָס מע האָט צו טאָן, די אידישע לאַגע צו פאַרבעסערן." מענדעלע האָט אָבער די גרויסע אויפגאַבעס, וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט, ניט געלייזט. מענדעלע איז אידייאיש ניט בלויז ניט געגאַנגען פאָרויס, נאָר ער האָט אַפילו אין אַ היפּשער מאָס דעגראַדירט אין פאַרגלייך מיט די 70־ער יאָרן.

אַנשטאָט הירש ראָטמאַן, וואָס האָט אין ערשטן וואַריאַנט געהײסן צו ווינטשפּינגערל־בילדונג, טרעט איצט אַרויס אינעם צווייטן טייל, וואָס מענדעלע האָט איצט אָנגעשריבן אונטערן טיטל „בעמק הבכא", העניך קאַהאַן, וואָס איז געקומען אויספּאַרשן דאָס אידישע לעבן. מענדעלע באַגריסט (מיט אַ צומיש פון אַ געוויסער לייכטער קוים־קוים באַמערקבאַרער איראָניע) דעם קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישן בעל־תשובה, וואָס האָט זיך באַוויזן צווישן דער אידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ אין די 80־ער יאָרן. פון די משכיליש־ראַדיקאַלע פּאָזיציעס איז מענדעלע אַראָפּ אויף נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאָזיציעס. מיט העניך קאַהאַנס מויל האָט שוין איצט מענדעלע אַרויסגעזאָגט זיין נאַציאָנאַליסטיש־באַפליגלטע פראַזע: „איך בין אַ פּעדעמל איינגעוועבט אין דעם גרויסן שטיק מאַטעריע, וואָס גייט אין דער וועלט פון אייביקע צייטן אונטער דעם נאָמען איד."

דער נאַציאָנאַליזם האָט אים געשטערט צו זען און צו פאַרשטיין ווי געהעריק די נייע פּראָצעסן, וואָס זיינען אין די 80־ער יאָרן פאָרגעקומען אין רוסלאַנד בכלל און אין דער אידישער סביבה בפרט, די נייע אויפקומענדיקע קלאַסן־כחות און קלאַסן־פאַרהעלטעניסן. מענדעלע האָט זיך ניט אָריענטירט אין דער נייער סיטואַציע, ער האָט ניט באַנומען, ווער און ווי אַזוי עס פירט שוין איצט דאָס לעבן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פאָרויס צו נייע דערגרייכונגען. ער האָט לחלוטין פאַרזען דעם אויפקומענדיקן אַרבעטער־קלאַס, זיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס נאָר זי איז געווען בכח צו לייזן אַלע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען אינעם לעבן פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער אינעם אַלטן צארישן רוסלאַנד, צווישן זיי אויך די לעבן־פּראָבלעמען פון די ברייטע האָרעפּאַשנע און אָרעמשאַפטלעכע אידישע מאַסן.

דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער גאַנצער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער אויספאָרמירונג פונעם „ווינטשפינגערל", וואָס האָט געזאָלט זיין אַ גרויסע עפּאָפּייע פונעם אידישן לעבן. „דאָס ווינטשפינגערל" איז אָבער אַזוינס ניט געוואָרן מחמת דער אידעאָלאָגישער אומבאַהאָלפנקייט פונעם אויטאָר.

געענדערט איז אויך דער אינהאַלט פונעם „ווינטשפינגערל". הערשעלע האָט זיך געהאָדעוועט אין קאַפּצאַנסק, פאַרזונקען אין דער מיטלאַלטערלעכער קולטור פון לעגענדעס, מעשיות און ווינטשפינגערלעך. אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט אים זיין טאַטע, דער קאַפּצאַנסקער חזן לייזער־יאַנקל, אוועקגעפירט קיין גלופּסק, געמאַכט פאַר אַ ישיבה־בחור.

אין דער זעלביקער צייט האָט קאַפּצאַנסק אויך אַריבערגעטראַנספּאָרטירט קיין גלופּסק בן־ציון דעם גלעזערס מיידלביילע, צו וועלכער הערשעלע האָט פאַרבאָרגענע סימפּאַטיעס פון קינדווייז אָן.

הערשעלע לערנט אין בית־מדרש מיט זיין חבר משהלע, שמואליק דעם אָרעמען גאַסן־הענדלערס אַ זון. משהלע פאַלט אַריין אין די הענט פון די כאַפּערס (רעקרוטן־כאַפּערס; די האַנדלונג קומט פאָר נאָך אין די צייטן פון ניקאָליי דעם ערשטן).

ביילע פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ פּרויען־הענדלערן. אינעם צווייטן טייל באַקאַנט זיך הערשעלע מיט משכּילים, און די לעצטע ראַטעווען סיי משהלען, סיי ביילען. דער משכּיל רפאל פּירט אַוועק הערשעלען קיין אויסלאַנד שטודירן. משהלע קומט אָן אין אַ ראַבינער־שול. זיין אָרעמער טאַטע ווערט דערהויבן: ער ווערט אַן אַקציזניק. אין יאָרן אַרום, שוין אין די 80־ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען, קומט הערשעלע צוריק, שוין אַ באַרימטער געלערנטער, אויסצופאָרשן די שטאָט קאַפּצאַנסק און זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו ראַטעווען זי.

דער בעסטער טייל פונעם „ווינטשפינגערל" איז דער, וואו עס ווערט געשילדערט קאַפּצאַנסק: דאָ האָט מענדעלע געגעבן אַ נייעם וואַריאַנט פון טונעיאַדעווקע, פון איר עקאָנאָמיק און קולטור.

די קאַפּצאַנסקער זיינען באַלאָדן מיט גרויסע משפּחות, פונוואַנען צו לעבן האָבן זיי אָבער ניט. מע דערציילט צווישן זיך מעשיות וועגן צדיקים און גבירים, מע ציילט די שטערן און מע ווינטשעוועט זיך, און לעבן לעבט מען מיט בטחון.

אין דעם טייל זעען מיר דעם זעלביקן מענדעלע, וואָס אין „מסעות", דעם מענדעלען, וואָס ווייסט דעם סוד, אַז פּסיכאָ־אידעאָלאָגישע דערשיינונגען זיינען ענג פאַרבונדן מיט געוויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. מענדעלע האָט דאָ ניט סטיליזירט די פאָלקסטימלעכע בטחון־געשיכטע, ווי דאָס האָט געטאָן שפּעטער פּרץ אין זיין רעאַקציאָנערן פּעריאָד. פאַרקערט, מענדעלע האָט זי דעמאַסקירט צוגלייך מיט דער גאַנצער קאַפּצאַנסקער פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז נאָך אויך איצט האָט זיך מענדעלע באַצויגן נעגאַטיוו צום פּעאָדאַלן קאַפּצאַנסק. ער קריטיקירט דעם קאַפּצאַנסקער שטייגער פון קינדער־דערציאונג (מע רייסט אָפּ קינדער פונעם לעבן, מע פאַרוואַנדלט זיי אין קליינע אידעלעך), דעם שידוכים־שטייגער, די באַציאונג צווישן מאַן און ווייב, די קאַפּצאַנסקער ליידיקגייעריי, די קאַפּצאַנסקער „טאָרבע". דאָ איז מענדעלעס סטיל סאַטיריש־אַקטיוו און דעמאַסקירנדיק. אָבער אין דער זעלביקער צייט זוכט שוין מענדעלע און געפינט אין קאַפּצאַנסקער בלאָטע אויך ראָמאַנטיש „גאָלד": די „ריינע אידישע משפּחה", דער אידישער פּסח, די אידישע רעליגיעזע תּפילה. אין די דאָזיקע מאָמענטן ווערט מענדעלעס סאַטירישער סטיל פאַרוואַנדלט אין אַ ראָמאַנטיש־פּאַטעטישן.

די זעלביקע צעצווייטקייט זעען מיר אויך אין מענדעלעס באַציאונג צו גלופּסק, וואָס האָט זיך שוין אַ ביסל צוגעפּאַסט צום אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם, אָבער זינקט נאָך אינעם פּעאָדאַלן מיטלאַלטער. עס גייט נאָך אַ שטאַרקער קריטיש־דעמאַסקירנדיקער שטראָם דורך מענדעלעס גלופּסק־שילדערונג. די גלופּסקער עקאָנאָמיק איז פאַרקערפּערט אין ר' אָשרן דעם מעלער מיט זיין שטענדיק שוויצעניש און הו־האַ־געשעפטן — שוין כמעט אַ פּאַרטיקער מנחם־מענדל, די גלופּסקער קולטור — אין לייבצע דעם רויטנס

איידעמל בענצעלע מיט זיין גאַנצער בטלנישער ווילדקייט, פאַרקריפּלטער אַרט דענקען און פאַרקריפּלטע דרשות. ליבצע דער רויטער, דאָס שיינדל פון גלופּסק, געהערט צום בינטל גלופּסקער רעדל־פירער, וואָס ווערן רייך פון אכזריותדיקן באַראַבעווען די אָרעמע מאַסן.

אָבער אויך אין דער גלופּסקער בלאָטע זוכט שוין מענדעלע איצט „גאָלד". יענער מיטלאַלטערלעכער בטלן און שוטה, וועלכער לאָזט זיך אַוועק אין דער ווייטער נסיעה זוכן די רויטע אידעלעך, וואָס אין „מסעות" האָט ער באַ מענדעלען געהייסן בנימין דער דריטער, דער וויסטער מקבל, וואָס מענ־דעלע האָט פריער פון אים אַזוי סאַרקאַסטיש אָפּגעשפּעט — איז שוין איצט דער שיינער ליכטיקער בית־מדרש־איד און „געהויבענער מקבל" ר' אברהם. דעם „זוהר" גופא, וואָס איז פול מיט ווילדסטע מעשיות און לעגענדעס, מיט די סאַמע פאַרקריפּלטע פאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט — זינגט שוין איצט מענדעלע אַ פּאַטעטישע אָדע. אין פּאַטעטישע טענער ווערט גערעדט וועגן „חומשל", וועגן חסידיזם, וועגן רעליגיעזקייט, וועגן די תלמודישע לעגענדעס. וועגן הערשעלען גופא, וואָס איז פאַרזונקען אין דער לעגענדע־ליטעראַטור, ווערט שוין איצט דערציילט מיט ליריש־האַרציקע טענער. אין אידעאַליזירנ־דיקע ראָמאַנטישע טענער ווערט געשילדערט דער שבת באַ שמואליק דעם טאַנדעטניק. אַנשטאָט אויפצודעקן, ווי אַזוי אָט די גאַנצע שבת און לעגענדע־קולטור האָט פאַרשלעפּערט דעם באַוואוסטזיין באַ די אונטערדריקטע מאַסן, ווי אַזוי זי האָט פאַרלייכטערט די הערשנדיקע שיכטן צו געוועלטיקן איבער זיי, איז מענדעלע אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פאַרשלעפּערנדיקער ווירקונג פון אָט דער קולטור...

מיט די דאָזיקע שילדערונגען האָט זיך מענדעלע אָנגעשלאָסן אין דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ — „דייטש אונטערגעשלאָגן מיט חסיד". אפילו די נאַטור האָט שוין איצט מענדעלע פאַרקלעריקאַליזירט: „עס שטייט פאַר דיר דאָרט אַ וואַלד,ביימער סאָסנעס. אַנקוקנדיק עס, דאַכט זיך דיר עפּעס גאָר טאַקע אַ בית־המקדש, די שיינענדיקע סמאָלע פון די ביימער — דאָס איז קטורת (ווייערך), דאָס שפּילן פון די פייגעלעך אויף די צווייגן — דאָס איז דער געזאַנג פון די לוים" (גייסטלעכע אין בית־המקדש).

דער נאַציאָנאַליסטישער צוגאַנג האָט געשטערט מענדעלען אין „ווינטש־פינגערל" צו באַלויכטן ווי געהעריק דעם תוך פון דער רעקרוטשינע פון ניקאָליים צייטן. מענדעלע האָט דעם דאָזיקן תוך פאַרשלייערט, ער האָט אַרויסגעשטעלט אין פאָדערגרונט דעם כאַפּער, און, דער עיקר, ער האָט באַ־לויכטן די פראַגע פונעם נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אַז שלעכט איז, וואָס אַ איד אַ אידן טוט שלעכטס.

מענדעלע האָט אויך פאַרקריפּלט באַלויכטן די השכלה־באַוועגונג. ער האָט אידעאַליזירט די סאַמע אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון די ליבעראַל־בורזשואַזע משכילים: רפאל לובלינסקי, באַ וועלכן אין האַרצן האָט געגליט „דאָס אידישע

פינטעלע", מיכאל סאפיר — ווידעראמאָל — „אַ גוטער און פרומער משכיל", מיט אַ „אידישער" פירונג אין שטוב.

די דאָזיקע משכילים האָט מענדעלע צוגעשריבן די הויפּט־ראָלע אינעם לעבן, זיי שטייען אינעם צענטער פון דער „ווינטשפינגערל"־סוזשעטיק. זיי לייזן אויס פון פיין אַלע אומגליקלעכע און נויטבאַדערפטיקע, זיי לייזן אַלע שווידערלעכסטע לעבן־פּראָבלעמען: ראַטעווען משהלען פון רעקרוטן,ביילען פון פּראָסטיטוציע, שמאוליקן דעם טאַנדעטניק פון נויט און פיין. אַנטקעגן זיי האָט מענדעלע אַוועקגעשטעלט די מער לינקע משכילים, אָט די, פון וועלכע עס זיינען אַרויס די קאָוונערס.

דאָס אַלץ האָט געשריבן מענדעלע, דער אויטאָר פון דער „טאַקסע", פון „קליאַטשע", פון „מסעות", וועלכער האָט ניט ווייניק צעשטערט און צעבראָכן אין דעם מיטלאַלטערלעכן געטאָ־מח. אויסמיידנדיק זיין אייגענעם „קליאַטשע"־„מסעות"־פּעריאָד, האָט זיך מענדעלע איצט אומגעקערט צום משכיל פון „האָבות והבנים".

מענדעלע האָט אינעם „ווינטשפינגערל" בכלל אויסגעמיטן צו שילדערן קלאַסנקאַמף אין גלופּסק. דער אויטאָר פון דער „טאַקסע" און „קליאַטשע" איז שוין איצט קעגן קלאַסנקאַמף. מענדעלע איז קעגן די, וואָס רייצן אויף די מאַסן, די אָרעמשאַפט; ער האָט שוין איצט מורא פאַר „אונטערהעצן מענטשן קעגן מענטשן", אין די 90־ער יאָרן האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסוויזן, אַז דער וואַקסנדיקער קלאַסנקאַמף דראָט מיט געפאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. מענדעלע וואָלט וועלן אויסמיידן די שטרייטן, ער וואָלט וועלן שלום אַף דער וועלט. ווי אַזוי, אָבער דערהאַלט מען דעם שלום? אַף דעם ענטפערט מענדעלע: „צו דערהאַלטן דעם שלום אין דער וועלט, צופרידנקייט צווישן אונדז זינדיקע מענטשן, מיט אַזויפיל באַדערפענישן צום לעבן, איז כמעט דאָס איינציקע מיטל — פּרנסה."

וואו נעמט מען אָבער פּרנסה?

רפאל דעם משכילס אידייע וועגן דעם, אַז דער האַנדל דאַרף זיין „געשמעלט אַף פאַרשטאַנד, אַף אמת", וועלכע מענדעלע גיט איבער אַזוי סימפּאַטיזירנדיק, האָט אויך געפּלאַצט. רפאל איז געווען אין גלופּסק אַ קאָמיסיאָנער פון אַ לאָדזער פאַבריק, פאַרבונדן, אַזוי אַרום, מיטן מאָדערנעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. ער טרוימט וועגן אַ קאַפּיטאַליזם, וואָס זאָל זיין געבויט אַף „פאַרשטאַנד, עס זאָלן נישט זיין מער פאַבריקן, קלייטן, וויפיל עס ווערט געברויכט אין דער וועלט סחורה". דער קאַפּיטאַליזם האָט אים אָבער אַליין גלייך אַ קלאַפּ געטאָן. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט ער באַקומען אַ בריוו, אַז די לאָדזער פאַבריק, פון וועלכער ער לעבט און ציט די פּרנסה, שטייט אין געפאַר פון באַנקראָט. די גאַנצע געביידע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, און רפאל לעבט איבער אַן אומרואיקע נאַכט. צוזאַמען מיט רפאלן איז אויך דערשלאָגן געוואָרן ר' אשר — דער מנחם־מענדל, וואָס הייבט זיך אָן צופּאַסן צום קאַפּיטאַליזם.

ר' אשר'ס ירידה האט געשלעפט די ירידה פון נאך צענדליקער, הונדערטער אנדערע.

וואס וועט ווייטער זיין?

מענדעלע האט טאקע ניט געוואוסט, וואס ווייטער וועט זיין. רפאל פארט אוועק קיין אויסלאנד, מיטנעמענדיק מיט זיך הערשעלען, און דא רייסט זיך איבער די מעשה אף א פאר צענדליק יאר. עס זיינען געקומען די 70־ער יארן, די יארן פון אויפקומענדיקן רעוואלוציאנערן קאמף. נאר מענדעלע מיידט דאס אבער אלץ אויס. ער האט זיך אפגעשטעלט בא זיין אויסגאנג־פונקט: בא דעם פרום־הומאניסטישן ליבעראל־בורזשואזן משכיל. ער האט אפילו פון זיין אייגענער געשיכטע אויסגעשניטן די לעבעדיקסטע קאפיטלעך. וואו איז דער משכיל, וואס האט געקעמפט קעגן דער טאקסע, קעגן דער חברה צער־בעלי־חיים, קעגן דער „בנימין השלישי"־קולטור? ער איז ניטא. ס'זיינען אויך ניטא די אומרואיק־געווארענע און יוירנדיקע מאסן. שמואליק דער טאנדעטניק איז געווארן אן אקציזניק און משהלע — א ראבינער, וואס איז געטריי דעם אידישן צאר און פארן פאלק פארמאגט ער בלויז... א זיפץ.

די מעשה באנייט זיך ערשט אין די 80־ער יארן נאך די פאגראמען. הערשעלע, איצט שוין דער געלערנטער הענריך קאהאן, קומט קיין קאפצאנסק צו באקענען זיך מיט איר לאגע. קאפצאנסק איז נאך אלע גליקן פונעם קאפיטאליזם געבליבן קאפצאנסק. פארקערט, די לאגע איז נאך ערגער גע־ווארן. די פאגראמען האבן צערואינירט קאפצאנסק. מענדעלע ווייסט ניט, ווי אזוי צו לייזן די קאפצאנסק־פראבלעם.

מענדעלע דערציילט, אז הענריך קאהאן לייגט פאר פלענער, ווי אזוי און מיט וואס צו פארבעסערן די לאגע פון די אידן. אבער וואס זיינען עס פאר פלענער, ווייסן מיר ניט. עפעס רעדט הענריך קאהאן וועגן א געוויסער וויכטיקער זאך, וואס „האט אנגעהויבן פון איצטיקן מיש־מאש, פונעם תהו־ובהו פאר אונדז צו שאריען אין אונדזער אידיש וועלטל, און איז לעת־עתה נאר ווי די רויטקייט באם ברעכן אפן טאג פארן זון־אויפגאנג אין מזרח־זייט". וואס האט דא געמיינט קאהאן־מענדעלע איז שווער צו זאגן. ציוניזם? ס'איז א נעפלדיקע פראזע, וואס לאזט זיך קנעטן אין אלערליי ריכטונגען און איז שוין מיט איר מטושטשדיקייט אויך כאראקטעריסטיש.

לויט מענדעלעס א בריוו פון 1891 צו בינשטאקן, איז עס געמיינט דעם באראן הירשס פראיעקט וועגן קאלאניזירן ארגענטינע.

מענדעלע האט, אלזא, די גרויסע פראבלעמען, וואס ער האט פאר זיך געשטעלט, ניט געלייזט. מענדעלע האט זיך לחלוטין ניט אריענטירט אין די נייע געזעלשאפטלעכע פראצעסן. וועגן דער רעוואלוציאנערער באוועגונג האט ער געהאט א נעפלדיקע פארשטעלונג. דאס האט זיך אויך אפגעשפיגלט אף דער קינסטלערישער אויספארמירונג פונעם ווערק. דער בעסטער טייל אי פונעם אידעאלאגישן אי פונעם קינסטלערישן שטאנדפונקט איז, ווי געזאגט, דער



קאַפּצאַנסק־טייל, דאָרט, וואו מענדעלען האָט נאָך באַלויכטן דעם וועג זיין „מסעות״־שטערן ; די איבעריקע טיילן זיינען אויסגעמוטשעטע מיט אָן אַ שיר סענטימענטאַליזם און האַרץ־אויסגיסעניש.

10

מיר האָבן געזען, אַז אין „ווינטשפינגערל״ האָט זיך מענדעלע לחלוטין ניט אָריענטירט אין די פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין די 80—90־ער יאָרן. נאָך ווייניקער האָט זיך מענדעלע אָריענטירט אין די גרויסע געשעענישן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין רוסלאַנד צום סוף פון די 90־ער יאָרן און אין די ערשטע יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פאַר דעם מעכטיק אויפגעברויזטן ים פון קעמפנדיקע קלאַסן, ערב דער רעוואָ־לוציע פון יאָר 1905, איז מענדעלע געשטאַנען אַ צעטומלטער און האָט געבענקט נאָך רו. וואָס שטאַרקער עס האָבן געברויזט די געשעענישן אַרום, אַלץ מער איז מענדעלע באַהערשט געוואָרן פון ראָמאַנטישע שטימונגען, פון בענקשאַפט נאָך פּאַטריאַרכאַלע לעבן־פאָרמעס, נאָך אַ רואיק דאָרפישער אידיליע. „עס טראַכט זיך מיר״ — שרייבט דאַן מענדעלע — „אַ לעבן אין דאָרף, אַ תמימותדיק פּראָסט, אָן חכמות, פויערים געזונטע אַקערן, זייען, שניידן, טראָגן מיט געזאַנג די גאַרבן, אַרבעטן און געניסן די פּרוכט פון זייער אַרבעט, זיצנדיק רואיק אין זייערע הייזלעך, אין קאַרשן, ווייַנשל און עפּל־ביימער איינגעטונקטע, פול מיט תבואות זיינען די שייערס, מיט גאָרטנ־וואַרג די קעלערס.״ דעם דאָזיקן עכט־באַלעגופישן אידעאַל שטעלט מענדעלע אַנטקעגן דער שטאָט מיט איר קאַפּיטאַליסטישן הוא־האַ.

פון די קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכן האָט זיך מענדעלע געוואָלט אויסבאַהאַלטן אינעם שוים פון דער דאָרפיש־באַלעגופישער אידיליע, לחלוטין ניט באַנעמענדיק די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין קאַפּיטאַליסטישן דאָרף, ניט זעענדיק, אַז אויך דאָרטן באָדן זיך די באַלעגופישע שיכטן אין רייכקייט אויפן חשבון פון דער גרויסער מאַסע אָרעמשאַפט.

האַנט בא האַנט מיט דער ראָמאַנטיק פונעם „פּאַטריאַרכאַלן״ דאָרף־שטייגער איז געגאַנגען אויך די ראָמאַנטיק פון „פּאַטריאַרכאַלן״ שטעטל־שטייגער. מענדעלע איז וואָס ווייטער אַלץ ווייכער געוואָרן צו דער פעאָדאַלער קולטור, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי פאַרהאַסט. פון אַזוינע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס האָט מענדעלע איצט איבערגעאַרבעט די „קליאַטשע״. באַזונדערס האָט מענדעלע געענדערט די קאַפּיטלעך : „ישראליק באַקלערט די וועלט״, „ישראליק פליט״, „וואָס אַן אשמדאי קען״.

פון די זעלביקע ראָמאַנטיש־רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס האָט מענדעלע אויך אָנגעשריבן זיין לעצט גרעסער קינסטלעריש ווערק „שלמה ר׳ חיימס״, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

אין דער הקדמה צו „שלמה ר׳ חיימס״, וואָס איז מענדעלעס קינסט־לערישע אויטאָביאָגראַפיע, דערציילט דער כלומרשטער אויטאָר פונעם ווערק, דער אַלטער ר׳ שלמה, אַז „איך האָב מיך אומגעקערט צו מיין וועלטל וואָס אַמאָל״. אומגעקערט האָט זיך אָבער מענדעלע צום אַמאָל מיט אַ געענדערטער באַציאונג צו דעם דאָזיקן אַמאָל, מיט אַ באַציאונג אַ ראָמאַנטישער, מיט וועלכער ס׳איז טאַקע דורכגעדרונגען דאָס גאַנצע ווערק „שלמה ר׳ חיימס״.

אמת, מיר הערן אויך דאָ ווייטע אָפּהילכן פון מענדעלעס אַמאָליקע אַנטי־פּעאָדאַלע שלאַכטן. אויך דאָ קריטיקירט מענדעלע די אַמאָליקע דערציאונג, וואָס האָט געהאַלטן דאָס קינד אין אַ פאַרגאַנגענער אָפּגעשטאָרבענער וועלט.

צוזאַמען מיט דער אידעאָלאָגישער דעגראַדאַציע איז אויך געקומען די קינסטלערישע דעגראַדאַציע; אָנשטאָט דעם פריערדיקן סענטימענטאַלן ליריזם, קומט איצט אין „שלמה ר׳ חיימס״ די פּאַטעטישע מליצה.

18 יאָר איז שוין פאַריבער זינט מענדעלעס טויט (געשטאָרבן דעם 8טן אַפּריל, 1917, אין אָדעס), די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אָפּן גרונטיקסטן אופן געלייזט פאַרבייגייענדיק די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע אויפגאַבעס, וואָס די בורזשואַזיע האָט ניט געקאָנט לייזן. די פּראָבלעמען פון דער „טאַקסע״, פון דער „קליאַטשע״, פון „מסעות״, פון „פישקע דער קרומער״ זיינען שוין פאַר אונדז לאַנג געוואָרן אויס פּראָבלעמען. מיר דערמאָנען אָבער מיט דאַנקבאַרקייט דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט מער ווי 50 יאָר ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געהאָלפן פאַרטרייבן די שאָטנס פון דעם מיטלאַלטער, וואָס האָט אויסגעדריקט אין העלע קינסטלערישע בילדער דעם בונט פון די אידישע מאַסן קעגן דעם פעאָדאַליזם און זייער אַנטוישונג אינעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט געלייגט די ערשטע גרונט־שטיינער פון אַ געשליפענער, רייכער, אָפּגעקליבענער ליטעראַרישער אידישער שפּראַך.

דער פּראָלעטאַריאַט, דער גרויסער יורש פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער פון די פריערדיקע קלאַסן, ירשנט אויך מענדעלעס קינסטלערישע אוצרות און, קריטיש אויסלייטערנדיק זיי, נעמט ער אַריין די דאָזיקע ירושה אינעם אייזערנעם פאָנד פון זיין קולטור.